## יעקב באלצאן

# אונזער שטוב אין לעאווא

65-883

עדמאנטאן אלבערטא (קאנאדא)
1935
האנטשריפט

# צו הינדען

מיין לעבנס באגלייטערין,
מיין שותפ׳טע אין לעבנס קאמפ,
די מוטער פון אונזערע קינדער,
אין אייביקר ליבע,
און דאנקבארקייט.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

געבראכט צום דרוק

דורך דעם מחבר׳ס ברודער שמואל׳ס א זון

ד״ר פ. בלצן

1965

הרצליה.

# *In Memoriam*

February 10th, 1939.

Dear Friend:

A Memorial Meeting under the auspices of all the Jewish Organizations of Edmonton in memory of the late Mr. J. Baltzan will be held in the

**TALMUD TORAH HALL**

**ON**

**WEDNESDAY, FEBRUARY 15th, AT 8:30 P.M.**

Every member of our Community and District is asked to attend this meeting and pay tribute to the memory of the late Mr. J. Baltzan who made such lasting contributions to all our institutions and community life.

Respectfully,
JOINT COMMITTEE.

## א פאר ווערטער

ניט ווייל איך רעכען זיך פאר א וויכטיגער פערזאן, שרייב איך מיינע זכרונות, נאר ווייל עס ליגט אין דעם מענטשענס נאטור, ווען ער קומט צו דער עלטער צו נעמן א שטיקל חשבון הנפש און אקוק טאן צוריק.

איך האב געלערנט אין אנדערע צייטן און אומשטענדן, וויע עס לעבן היינט מיינע קינדער און פריינד.

דער קאמפף איז געווען א גרויסער, אבער מע מוז זיך בעגין פאר דער צייט.

דער פאר האב איך דאס אן געשריבן, אפשר וועט עס עמיצען פון מיינע פריינד פאראינטערסירן צו ליינען.

י. באלצאן.

* * *

## יעקב באלצאן



1872 - 1939

## א ז כ ר ה

10טער פברואר 1939

טייערער פריינד,

אן אזכרה פארזאמלונג, אונטער דער אויפזיכט
פון אלע אידעשע ארגאניזאציעס אין אדמאנטאן, געווידמעט
דעם אנדענק פון פארשטארבענעם י. באלצאן, וועט אפגע-
האלטן ווערן אין זאל פון דער

### ת ל מ ו ד ת ו ר ה

מיטוואך דעם 15-טען 8.30 אין אווענט

יעדער מיטגליט פון אונזער קהילה ווי אויך
פון דער אומגעגנט ווערט געבעטן צו קומען צור דא-
זיקער אזכרה פארזאמלונג צו באצאלן דעם חוב דעם
פארשטארבענעם יעקב באלצאן, וועלכער האט אזוי פיל
אויפגעטאן פאר אלע אונזערע אנשטאלטן און אלגעמיי-
נעם געזעלשאפטלעכן לעבן פון אדמאנטאן.

מיט אכטונג,

ג'רינט קאמיטעט.

י ע ק ב   ב ל צ ן
אדמאנטאן אלבערטא,
ק א נ א ד א,
.1935

## אונזער שטוב אין לעאווא

לעאווא - א קליין שטעדטעלע אין דער נייער באסא-ראביע. שטעהט ביים טייך פרוט, וועלכער איז אויך די גרעניץ צווישן רוסלאנד און רומעניע זייט 1878. פריער איז זי געווען רומעניש.

דעס שטעדטל שטעהט אויף א הויך פלאץ, פיל העכער פונם טייך, ארומגערינגלט פון וואלד און וויינגערטנער. דאס שטעדטל אליין פארנעמט עטליכע גאסן, אבער נאר צווי פון זיי זענען הויפטגאסן, וואו ס'געפינען זיך די קלייטן און די וואוינונגען פון די רייכערע בעלי בתים, די "שטאדט-טאטעס" און די תקיפים. די ארימערע וואוינען אין די זייטיקע געסלאך. ס'געפינען זיך אין שטעדטל א 500 יידישע פאמיליעס, וועלכע זענען כמעט אלע פערוואנדטע און אין מחותן'שאפט.

דאס שטעדטל איז א לעבעדיקס. דער עיקר מסחר איז תבואה פון אלע מינים וועלכע וואקסט אין דער געגענט זעהר פיל און ווערט עקספארטירט קיין רומעניע, קיין גאלאץ - בראילא, מיט שיפן אויף דעם פרוט. ביז "גורא פרוטולוי" (דאס מויל פון פרוט), וואו דער טייך פאלט אריין אין דער טינא (דונאי) -געהען די שיפן אליין אראפ מיטן וואסער מיט דער-מיטהילף פון די מאטראסן וואס שטיפען די שיף מיט גרויסע לאנגע שטעקענס.

אבער ווען די שיפן קומען צו צום דונאי, ווארט שוין דא א גרויסער דאמפפער (פאראכאד) וועלכער שלעפט צען שיפן מיט איין מאל צו די פארטן פון גאלאץ און בראילא.

ווען מ'קומט צום ברעג פון פרוט, וואו מ'לאדט אן

די שיפן, איז דארט א טומעל און א רעש. ס׳קענען זיך פיל מאל טרעפן פון 80 ביז 100 שיפן, וועלכע ווערן אנגעלאדן מיט פארשידענע תבואות. די תבואות וואס ווערן עקספארטירט זענען זומער און ווינטער ווייצן, גערשטן און אויך פאפשויעס (קוקורוזא) און אנד׳.

די אייגנטימער פון די שיפן, ווי אויך די מאטראסן, זענען גרעקן; אויף אזא אופן מוז יעדער סוחר קענען א ביסל גרעקיש וואס איז גענוג זיך צונויפצורעדן מיט זיי.

די ארבעטער וואס פירן די תבואות צו די שיפן זענען כמעט אלע יידן, יעדער האט זיך זיין קאטיגע (בינדיוגע) און פערדל און אין דער צייט פון לאדן די שיפן מאכן זיי שעהן געלט. דערצו אדאנק דעם ביליגקייט פון לעבענס מיטלען לעבט זיך זיי ניט שלעכט. זיי זענען איינגעארדנט אין אטריאדען (גרופן) מיט א אנפירער און שפיץ. און ווינטער, אדער אין דער צייט ווען ס׳איז ניט פאראן קיין ארבעט, נעמען זיי אן געלט ביי די סוחרים פאראויס און אזוי ארום לעבן זיי זיך דורך גאנץ שעהן.

מיין פאטער, ע"ה, חיים יהודה (אלתר) באלצאן, א פארמעגליכער שענער שטאדט בעל הבית, האט פארנומען איין אנגעזעהענעם פלאץ און מ׳האט זיך צוגעהערט צו זיינעם א ווארט, אבער ער אליין איז געווען א שטילער, א רוהיגער, וואס האט זיך פיינט געהאט צו קהל׳ן; נאר מ׳פלעג אים מיט געוואלד אריינ־נעמען אין אלעס.

אליין א איד, א בעל בית, האט ער געפירט זיין שטוב מיט א ברעטער האנט און ס׳האבן זיך ארום אים אלע מאל געדרעהט פארשידענע מעקלערס, מיט פארשידענע פראיעקטן: דא קען מען קויפן א וואלד, דארט לייען א פריץ עטליכע רובל, – אפקויפן א ביסל תבואה ביי קליינע סוחרים׳לאך וואס האבן זיך גענויטיקט אין געלט און סתם העלפן מיט גמילת חסדים א.ז.וו. שטענדיק געהאט נודניקעס אחוץ וואס ער איז געווען פארנומען מיט זיינע אייגענע געשעפטן: זיך רעכינען מיט די גויים, אויסצאהלן געלט, ארויסגעבן ארדערס צו די בעאמטע; אבער אלעס איז געטאן געווארן מיט ישוב-הדעת, רוהיג; קיין מאל בייז, שטענדיק מיט א שמייכל און א גוט ווארט. פאר א שאדן, וואס ס׳פלעג זיך מאכן, האט ער זיך קיינמאל ניט געביידערט און פלעג



נאך צוגעבן: "ס׳מאכט זיך ביי יעדן...."

די פרייע צייט פלעג ער פארברענגען אין לערנען א פרק משניות, "חוק לישראל", כסדר אריינגעקוקט אין זיינע מדרשים און אנדערע עהנליכע ספרים.

געווען א גוטער און רוהיגער פון דער נאטור, געהאט איין אפענע האנט און זיך צוגעהערט צו יעדענס קרעכץ. ער האט טאקע דעהר פיל פריינד געהאט צווישן אידען, אזוי גוט ווי צווישן קריסטען. די שטוב איז געווען א פרייע, א אפענע און ביי יעדן מאלצייט זענען געווען פרעמדע מענטשען.

דער טיש, די שטוב האט זיך שוין געפירט מער מאדערנע: – געשיר פאר יעדען באזונדער און לויט דעם באגריף פון יענער צייט א ביסל צו אריסטאקראטיש. דאס האט זיך גענומען דערפון וואס ער איז געקומען אין פארבינדונג מיט סוחרים פון דרויסן, און אלעס האט געמוזט זיין שעהן און אין ארדענונג.

מיין מוטער חנה, האט ליב געהאט אוועק צוגעבן פון דער שטוב אלעס וואס ס׳איז געווען איבעריגס: מילכיגס, געזייערטס; אויך מיטשיקן פאר ארימע קראנקע אדער קינפעטארנס. זי האט ליב געהאט ראסקאש (לוקסוס), עס זאל אלעס זיין אבער ס׳זאל קאסטן ביליג. אין דער צייט פון די פרובטען איז די שטוב געווען איבערגעזעטיבט ווייל אלע גויים, וואס פלעגן האנדלען מיט מיין פאטער, פלעגן כסדר ברענגען פרוכט. מיין מוטער האט שוין געהאט איהרע קונדען וואס פלעגן קומען און זי פלעג זיי צוטיילן אלעס וואס איז געווען איבעריגס.

*　　*

*

דאס הויז אין וועלכן מיר האבן געוואוינט איז איבערגעגאנגן צו אונז בירושה פון מיין פאטער׳ס פאטער ר׳ משה באלצאן ע"ה. איך געדענק אז אלע מאל פלעג זיך אפרופן איין אנדער מומע (מיין פאטער איז געווען א בן יחיד) און קומען נאך ירושה. אלע יאר האט ער ביי זיי אפגעקויפט זייער חלק ירושה. און מיין מוטער פלעג טענה׳ן: "דו האסט דאך ביי זיי שוין צעהן מאל אפגעקויפט זייער ירושה, וואס נאך גיסטו געלט?"

פלעג ער ענפערן מיט א שמייכל: זיי איז דאך ניט גוט און העל־פן זיי דארף איך ממילא, איז שוין בעסער ס'זאל הייסן אז מ'פאר קויפט מיר די ירושה, איידער זיי געבן נדבות. גאס וועט העלפן!

דאס הויז איז איבערגעגאנגען בירושה עטליכע דורות צי די פריערדיקע פלעגן דארפן כסדר אפקויפן די ירושה פון די אנדערע יורשים עטליכע מאל – ווייס איך ניט. אבער דאס הויז האט אלע מאל געדארפט זיין אין די הענט פון א באלצאן.

*       *

*

א גרויסע אלטמאדישע שטוב מיט א גרויסן שינדלדאך וועלכע יעדער פון די איינוואוינער האט אלץ געזוכט צו מאכן וואס מער מאדערנע לויט זיין באגריף: א סך פענסטער צוד גאס ווי אויך צום הויף, אין א גארטן אריין. צוויי טירען: איינע, ווי מ'פלעג זאגן, פאר געהויבענע געסט, וואס האט געפירט אין זאל (אדער צור שטוב). די צווייטע טיר האט געפירט אין עס־צימער. די צימער זענען געווען גרויסע אבער ניט שטארק הויך, לויט דער ארכיטעקטור פון יענער צייט, וואס איז געבויעט גע־ווארן געוויס מיט 150 יאר צוריק. די סטעליס–פון גלאטע שעהנע ברעטער וועלכע זענען געווען געפארבט מיט ווייסער הייל–פארב (א לוקסוס פאר יענער צייט). די פענסטער און טירן זענען אי־נווענינג געווען ווייס און צו דער גאס ברון אדער געל. פארנט, אין גאס, איז די שטוב געווען ארומגענומען מיט שעהנע געל־געפארבטע שטארכעטן און א רייע פון אכט גרויסע פארצווייגטע אקאציעס געפלאנצט אין א גלייכער ליניע.

דאס מעבעל איז געווען אלטמאדיש: הילצערנע בעטן, איבערגעדעקטע שטולן אין זאל, און אין עס־צימער – א גרויסער שווערער דעמבענער (הייכע) טיש, וואס האט געקאנט ארומנעמען די גאנצע פאמיליע, מיט ווינער בענקלאך, און אויך א פאר היל־צערנע: בענק בעמאכט ביי היימישע סטאלירס.

ביי דער זייט פון דער שטוב איז געווען א טירל (פארטקע) אריין צו געהען אין הויף מיט א סטעזשקע פון גראבע ברעטער וואס האט געפירט אין גארטן און צום פליגל און הויף.



נעבן דעם טירל א שעהנער גרויסער טויער, מיט אייזערנע זאווי־סעס, געפארבט רויט. אויף דעם הויף איז געווען נאך א הויז (דער פליגל), וואו ס'האט זיך געפונען די זומער־קיך, צימערן פאר די דינסטען, און אויך א וואנונג, וואו ס'האט אלע מאל געוואוינט איינער פון די אויסגעגעבענע קינדער, וועלכע האבן פרעפערירט צו וווינען נאענט צום טאטן, ניט קוקנדיק וואס זיי האבן שוין געהאט אליין אייגענע הייזער. דארט אין פליגל איז אויך געווען א שעהנע געמויערטע סוכה מיט אלע באקוועמליכקייטן וואס מיין פאטער האט זעהר ליב געהאט.

צווישן ביידע הייזער איז געווען א פאליסאדניק ארומגערינגלט מיט שעהנע גרינע שטארכעטן מיט ווייסע קעפלאך. און אין אים האט זיך געפונען א בעסעדקע באוואקסן מיט שעהנע בייטן פון מארגן–בלומען (בונע־דימיניאצע) און אויך פרוכט־ביימער.

אין מיטן גארטן איז געשטאנען א גרויסער טיש מיט בענק, וואו מיר פלעגן זומער כסדר (אחוץ שבת) עסן ביי טאג און ביינאכט אין שאטן פון א גרויסער צוזאקסענער אקאציע.

ס'איז שוין דאן געווען ביי מיין פאטער גארטן – לאמפען, וואס דער ווינט האט זיי ניט געקאנט פארלעשן, מיט גארטן־לייכטער, געוויס געבראכט די ערשטע צייט פון אויסלאנד און נאכהער שוין פון קעשיניב.

אין אנדערן עק גארטן זענען געווען צוויי קליינע טישלאך צווישן די לינדען־ביימער, וואו מיר פלעגן כסדר זיצן, לייענען אדער שפילן שח.

דער הויף איז געווען זעהר א גרויסער מיט נאך א טויער אריינצופארן פון דער אנדערער גאס; א רייע גרויסע מא־גאזאנעס (אמבארן) וואו מ'פלעג האלטן די פארשידענע תבואות און אנדערע פראדוקטן, אויך קאמערן פאר מאטעריאלן, א שטאל פאר די פערד און א ברישקע.

דער הויף איז אלע מאל געווען פול מיט גענז און קאטשקעס, וואס מ'פלעג דורך דעם זומער צונויפקויפן זעהר ביליג און זיי פלעגן זיך אדעווון פון דעם אפפאל פון די וועגן תבואה ווי אויך פון אפפאל פון פאפושויעס וואס מ'זיפט מיט מאשינ־דלאך און אויך גרויסע שטייגן הינער.

די פלעט ארום דעם הויף זענען געווען באזעצט מיט גרויסע צעוואקסענע אקאציעס. דאס איז געווען דער בוים וואס מיין פאטער פלעג זעהר ליב האבן. זיי האבן אויך געדינט אלס א סגולה פאר שריפות, וואס פלעגן אזוי אפט פארקומען אין דעם שטעדטל לעאווא. ס'האט זיך אמאל געמאכט ווען דאס פייער איז צוגעקומען נאענט און די צעוואקסענע אקאציעס האבן דאס פייער נים דורכגעלאזט.

אונזער שטעדטל איז געווען פארשמט דורך אירע שריפות און אז ס'האט אויסגעבראכן א פייער פלעג אפברענען א גאנצע גאס. די רייכע פלעגן זיך צוריק בויען און די ארימע פלעגן מוזן פארקויפן די פלעצער צו די רייכע.

איין מאל, אין א סוכות,(טאקע זיך אנגעהויבן פון א סוכה) האט אפגעברענט א האלב שטעדטל. האט איינער פון די גבירים אין שטעדטל געשענקט צען טויזנט רובל אז מ'זאל צוריקשטעלן יעדן אויף די פיס. די נשרפים איז פארטיילט געווארן הילף לויט א אויסגעארבעטן פלאן פון א קאמיטעט, פון צען בעלי-בתים, פון וועלכן מיין פאטער איז געווען דער פארזיצער. דער אויבנדערמאנטער גביר איז געווען מיין פאטערס א פעטער, ר' אליעזר אריה מיטשניק. פון אים איז צו דערציילן פיל שעהנע מעשיות נאר נים דא איז דער פלאץ. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל ווען אלע נשרפים זענען צוריק געשטעלט געווארן אויפן פלאץ.

רעדנדיק פון די גענז און אנדערע שטוב עופות, קאן איך זיך נים איינהאלטן פון דערציילן א קליינע קאמישע פאסירונג.

מ'האט אנגעהויבן באמערקן, אז יעדע וואך פעהלט פון די שטייגן צוויי אדער דריי פון די פעטסטע הינער אדער צוויי פון די פעטסטע גענז. אזוי האט זיך דאס געצויגן א לאנגע צייט ביז איין מאל טאמנע (הערבסט) ווען יעדער בעל בית שטעלט אפ די פעסער מיטן ווייך אין הויף ביז דער ערשטער פראסט וועט זיי דורכנעמן (דאך סארטירט מען דעם ווייך לויט דער שטארקייט און דערנאך לאזט מען די פעסער ווייך אראפ אין קעלער).

אין איין דאנערשטאג ביינאכט, האט מען ווידער געגנב'ט צוויי גענז און מ'האט געצאפט ווייך פון א פאס. דעם



לאך אין פאס האט מען פארשטעקט מיט א קאטשען פון פאפשויעס. וואלט דער קאטשען געווען קיילעכדיק וואלט נים געווען שלעכט. האט זיך גראדע געמאכט אז ער איז געווען עטוואס פלאטשיק און דער ווייך האט לאנגזאם גערינען א גאנצע נאכט. דער פראסט איז געווען שטארק און דער ווייך איז גראדע געווען רויטער; און ווען מ'איז ארויס איינדערפרי אין הויף האט מען געפונען א רויטן פלאסטער איבער'ן גאנצן הויף. דער שאדן האט פארכאפט ביים הארצן. מילא, גנב'ע וויפיעל די ווילסט אבער שאדן אנטאן? דאס נים! און מיין פאטער רופט זיך אן צו מיר: א בחור'ל פון 15 - 16 יאר, אפשר וואלסט דו זיך אונטערגענומען אויסצוגעפינען ווער דער גנב איז?

מיר איז דער פארשלאג געפעלן. איך האב שוין לאנג געהאט חשק דערצו, אבער מיין פאטער פלעג אוועקמאכן מיט דער האנט זאגנדיק: פאר נחת גנב'עט מען נים. מסתמא דארף יענער. זאל אים גוויל באקומען.

מיר האבן געהאט א גוי אין הויף. האב איך מיט אים אפגעמאכט אז עטלעכע וואכן זאל ער דאנערשטאג ביי נאכט היטן דעם הויף. און ווען ער וועט זעהן אז דער גנב האט שוין גענומען די גענז אדער די הינער, זאל ער אונז געבן א סיגנאל מיט א פייפעלע וואס איך האב אים געגעבן.

איך בין געזעסן אין שטוב מיט א פאר גוטע חברים און געווארט אויפ'ן סיגנאל. די לאדן האבן מיר גוט פארמאכט מ'זאל נים זעהן די שיין.

אזוי איז אריבער כמעט א האלבע נאכט, אבער פלוצים הערן מיר דעם פייף. מיר לויפן ארויס אין הויף און זעהען ווי דער גוי האלט א מענטשן. מיר ווערן בייז און לויפן צו, אבער צו מיין איבערראשונג איז דאס געווען אונזערער א שכן...... א איד מיט א לאנגער ווייסער בארד, צוויי געקרייזלטע פיאות. אזוי אז איך האב זיך פארשעמט און זיך פארלוירן, אבער די חברה זענען געווען פרעהליך און האבן אים אנגהויבן פירן אין שטוב אריין. איך אליין האב זיך ערמונטערט און מיט-געהאלפן פירן דעם "בעל דבר". מיר האבן דאך אויפגעטאן א גוטע זאך! און דער גוי טראגט נאך די צוויי געבונדענע גענז.

מיין פאטער, דערהערנדיק דעם רעש, קומט ארויס אין

סטאלאווע (עס-צימער) אין זיין כאלאט און יארמאלקע, באטראכט די קאמישע סצענע, כאפט זיך וואס דא קומט פאר און רופט זיך אפ צו אונז - יונגווארג: - איהר געהט זיך לעגן שלאפן און קיינער זאל ניט וואגן דערציילן א ווארט וואס דא איז פארגע-קומען. און איר ר׳ ..... קומט אריין אהער. ער פירט אים אריין אין קאנטאר-שטיבל (אפיס), פארמאכט די טיר, רעדט אפ מיט אים א שטיק צייט, און ווען ער איז ארויסגעגאנגען האט אים דער פאטער ארויסגעלאזט דורך דער פראנט-טיר, געגעבן אים די צוויי גענז און געזאגט: - "עסט געזונט און פארגעסט ניט צו שיקן אייער איינגל נאך ווייך אויף קידוש."

דאס האט שוין אונז, יונגווארג, פארדראסן, און איך האב מיך איינגעשטעלט פרעגן מיין פאטער פאר וואס האט ער זיך אזוי געפירט. האט ער מיר געענפערט: " ער האט נעביך ניט אויף שבת - האב איך אים געגעבן די צוויי גענז."

* *

*

ס׳איז געווען איינגעפירט אז די ארימערע פלעגן שיקן צו די רייכע בעלי בתים די קינדער מיט פלעשלאך נאך ווײַן פאר קידוש,און פרייטאג נאך דער שול פלעג זיין אין שטוב ווי א יריד. נאך מער האט זיך געפעשט פסח, ערב די צוויי סדרים, ווען ס׳פלעגן קומען איינגלאך און מיידלאך מיט פארשידענע גרויסע פלעשער און זיך ווענדן צו מיין פאטער: "ר׳ אלחר, דער טאטע האט געבעטן ווײַן פאר ארבע כוסות. דער משרת, ר׳ לייב, פלעג אלע מאל ארויפברענגען פון קעלער א פולן הילצערנעם קאן אדער א ערדענעם בורקאטש (קריג),- ווייל האלץ און ערד מאכט ניט קאליע דעם ווײַן, - און צוגיסן אין די פלעשער. אבער איין פלאש איז געווען זעהר א גרויסע, וואס מ׳רופט ביי אונז "יתומה", ווייל די פלאש האט א גרויסן בייך און קאן אריינעמען א העמער ווײַן. דער משרת איז פארקאכט געווארן און רופט זיך אן צו מיין פאטער - וועלכער איז געווען פארנומען מיט אריינקוקן אין קי-צור שלחן ערוך, אינטערעסירנדיק זיך מיט די דינים פון פסח, און איבערהויפט ווי צו אראנזשירן די "קערה" - ר׳ אלחר, טוט



א קוק אויף דער "יתומה". מיין פאטער הויבט אוף דיברילן, בא-טראכט דעם גאנצן ענין און זאגט דעם משרח: "גיס אן פול. וואס הארט דיך, נארעלע, מיר האבן זיך ערשט צו די סדרים אנגעהויבן א נייע פאס ווײַן - וועט סטייען איבער פסח!" דער משרח האט זיך פארשעמט און אנגעגאסן פול. איך א קליין איינגל פלעג שטארק הנאה האבן. וואס גרעסער די פלאש איז געווען האט מיך מער געפרעהט, ווייל איך האב געזעהן אז ר׳ לייב צאפלט זיך ווען ער דארף ווידער געהן אין קעלער.

* *

*

מיין פאטערס מסחר איז באשטאנען פון חבואה וואס ער פלעג אפקויפן ביי די פויערים פון עטלעכע דערפער, וועלכע האבן זיך גערעכנט פאר זיין "טעריטאריע". די גויים פלעגן שוין פאראויס פארקויפן ווייץ, גרשטן, קארן, האבער, פאפשויעס, ווייץ, האניג, שאף, וואל און אויך לייען אויף פראצענט. דער פויער האט גאר אנדערש ניט געוואוסט. ער פלעג קומען נעמען געלט און האט אלע מאל געקריגן, און אין א צייט ארום פלעג ער אפברענגען און די מאגאזינערן און נאמנים פלעגן אפמעסטן, אפוויגן, פאר-שרייבן און געבן דעם גוי א קוויטל צו מיין פאטער. ס׳האט זיך געפירט א גאנצע מלוכה פון כל טוב.

די גויים פלעגן מיין פאטער זעהר ליב האבן, יעדער פון זיי פלעג ברענגען מתנות. אין דער צייט ווען פרוכטן צייטיגן זיך איז די שטוב געווען איבערזאט; אויך פלעגן זיי ברענגען פיש פון די באלטעס, און מיין מוטער איז שוין געווען פארנומען צו פארטיילן דאס איבעריקע צו אירע מקורבים און גבאי׳טעס וואס זי האט געהאט פון זיי גענוג.

ווען די גויים פלעגן קומען צו מיין פאטער, פלעגן זיי מיט דרך-ארץ אראפנעמען די שמוישענע קוטשמע (ווינטער היטל), זיי פלעגן ביי אים נעמען געלט פאר חתונות, פאר קויפן פערד ווי אויך לאנד.

איין מאל האט א פריץ, א יורד, געהאט צו פארקויפן פיר טויזנט דיסיאטינעס (10 דונאם) לאנד. דאן זענען עטלעכע

דערפער געקומען צו מיין פאטער און געבעטן: - "פאטער׳ל, קויף פאר אונז דאס לאנד!" און ער האט דאס געקויפט. געהאלטן פאראנטווארטליך אלע גויים, רייכע און ארימע. ניט האבנדיק אזוי פיל געלט, איז אים געקומען צו הילף זיין רייכער פעטער, ר׳ אליעזר אריה, און געליהען אויף 10%. מיין פאטער האט יענעם יאר געמאכט א שטיק פארמעגן און די גויים זענען אים געווען שטארק דאנקבאר וואס ער האט זיי פארזארגט מיט נאך לאנד. די רעגירונגס-באנק האט זיי געליהען עלפט וויפיל די ערד האט געקאסט און די אנדערע עלפט האבן זיי באדארפט אליין שאפן.

זיי זענען אים געווען געטריי און האבן אים באמת ליב געהאט. ער פלעג זיין צווישן זיי דער שלום-מאכער; וואס עפעס פלעג מען קומען צו אים, אפילו זיך נאכפרעגן ווען זייערע יום-טובים דארפן זיין. ער פלעג זיך אנטאן די ברילן, ארויס נעמען דעם לוח און זיי אויסרעכענען גענוי; זיי פלעגן אים פשוט פארגעטערן.

* *

*

איך געדענק. ס׳האט איינמאל אפגעברענט איינס פון זיינע דערפער, דאס דארף טאמאי. האט מען אנגעלאדן צוויי וועגן מיט ברויט און א זאק מיט זילבערנע גולדן (15 קאפיקעס) און מ׳האט מיך געשיקט אין דארף אריין צו טיילן א ברויט און א גולדן פאר יעדן נפש, אפילו פאר די וואס פלעגן ניט האנדלען מיט אים. מ׳האט אנידערגעשטעלט א טיש אינמיטן דארף: דער פרימאר (סטאראסטע), די סאצקעס און דער גאנצער קאמונעלער קאמיטעט און איך זענען מיר געזעסן ארום דעם טיש און יעדן אויסגעטיילט גלייך. איך האב אויך אויסגערופן אז זיי זאלן קומען צום פאטער וועט ער זיי געבן קוויטלאך און וואלד אריין צו באקומען האלץ אויף אויפצו שטעלן צוריק די הייזער. גראדע מיט א קורצער צייט צוריק האט ער אפגעקויפט ביי דער רעגירונג צען דיליאנקעס וואלד און האט זיי צוטיילט אהן געלט די נשרפים.

* *

*



אונזער בוידעם איז אלע מאל געווען פארלאדן מיט זעק ניס, קאסטענס מיט פארשידענע פאסאליס, ווייינטרויבן און אין די מאגאזאנעס צווישן גערשטן פלעג מען באגראבן גאנצע זעק מיט עפל, און אז מ׳פלעג זיי ווינטער ארויסנעמען זענען זיי געווען פריש און שעהן.

גאנצע דישקעס מיט קעז, פוטער און ברינזע פלעג מיין מוטער צוטיילן דורכן ווינטער, צוזאמען מיט פאפשוי-מעל און קארן-מעל. דאס איז געווען איר פארגיניגן.

פסח צייט, ווען ס׳פלעג זיך אנהויבן דער סעזאן פון קוילן די קליינע שעפסלאך, צוליב די שמיישלאך, פלעג מען זיי קוילן אין די הונדערטער, און דאן איז מיין מוטער געווען שטארק פארנומען מיט צוטיילן די פליישן, יעדן איינעם וועלכער איז נאר געקומען בעטן. אפילו די גויים און שטאדט פלעגן קומען נאך די זאדיקליך (אונטער-חלק).

צום ווינטער פלעגן ווערן אנגעגרייט גאנצע זעק מיט שאפענער פאסטראמע. די שטוב איז אלע מאל געווען איבערזאט און אויך די ארומיקע פלעגן הנאה האבן פון אלהר באלצאנ׳ס הויז.

* *

*

אט אין דעם הויז בין איך געבוירן געווארן י"א אייר תרל"ב. 19.5.1872 לויט מיין מעטעריקע אין רומעניש, אין דעם שעהנעם שטעדטל לעאווא - דאן רומעניע.

ווען איך האב אנגעהויבן געהן אין חדר - געדענק איך ניט. אבער איך געדענק א פאקט וואס האט אלע מאל געמאכט ערשטוינען מיינע עלטערן ווען איך פלעג אים דערציילן.

איך געדענק מיט אלע סימנים: איך האב דאן געלערנט אין חדר ביים דרדקי-מלמד ר׳ משה זייגערמאכער, ווען דאס רוסישע מיליטער האט מארשירט דורך די גאסן פון שטעדטל (דאן רומעניע), ווי דער רבי, דער בעלפער און אלע קינדער זענען געשטאנען און האבן געקוקט ווי די סאלדאטן געהן דורך די גאס, לויט זייערע

פאלקן, מיט מוזיק. לויט מיין חשבון האב איך דאמאלס באדארפט אלט זיין ניט מער פון פינף יאר. דאס רוסישע מיליטער האט זיך געצויגן דורך אונזער שטעדטל צום פרוט און זענען אריבער דעם טייך אויף א בריק געמאכט פון פעסער, אויפן וועג קיין פלעוונא, אין דער רוסיש-טערקישער מלחמה פון 1877. מ'האט בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן ווי אזוי א קינד פון פינף יאר זאל געדענקן אזוי פיל איינצלהייטן

איך געדענק אז ביי אונז איז איינגעשטאנען א גרויסער מאן, א פאלקאווניק צי א גענעראל, ווי מ'האט אים אפגעגעבן די גרויסע זאל וואו מ'האט אריינגעשטעלט א בעט.

פאר אונזער הויז, ביי די שטארכעטן איז אוועקגעשטעלט געווארן איין אייזערנע קאסע ביי וועלכער ס'איז שטענדיק געשטאנען א וואך; די פאלק-מוזיק פלעג אלע טאג קומען שפילן פאר אונזער הויז און אויך פארשידענע אנדערע איינצלהייטן האב איך געדענקט וואס זענען באשטעטיקט געווארן דורך די עלטערע.

אין דער צייט ווען דאס מיליטער האט מארשירט דורך אונזער שטעדטל – לעאווא – און דורך נאך איין אנדער פונקט – "פאלטשו" – זענען אלע קינדער ניט געגאנגען אין די חדרים, נאר האבן זיך געפונען אונטער דער השגחה פון די עלטערן, לויט דער פאראָרדנונג וואס איז אפגעגעבן געווארן דורכן רב פון שטעדטל.

איך געדענק ווען איך האב אנגעהויבן לערנען חומש ביי דעם רויטן מלמד. מיר האבן אנגעהויבן פון "ויקרא" און ס'איז געווייינליך געפראוועט געווארן א סעודה. און א איינגעל האט מיך געפרעגט: – "איינגעלע, וואס לערנסט דו?"

ווען איך האב אנגעהויבן לערנען גמרא, גראדע מסכתא קדישין, ביים רבי'ן מיכל שמש – געדענק איך זעהר גוט, ווייל ווען דער רבי האט פארטייטשט איינציקע ווערטער מיט דעם זעלבן ווארט וואס איז געווען אומפארשטענדליך האב איך אים איבערגעפרעגט וואס דאס הייסט. אנשטאט א ענפער האט ער מיר געגעבן א פאטש זאגנדיק: – "מ'פרעגט ניט קיין קשיות. דער רבי לערנט און דאס איז אלעס".

דאס האט מיך געשטעלט און א פארלעגנהייט: וואס



הייסט מ'פרעגט ניט קיין קשיות ווען איך פארשטעה פארט ניט, און צווייטנס האט מיך פארדראסן דער פאטש, וועלכער איז געווען נאך מיין מיינונג א גרויסע באלעדיגונג. איך בין ניט געווען געוואוינט צו פעטש, איך בין געווען דאס מיזיניקל און מ'האט מיר זעהר נאכגעגעבן.

פארנאכט, צור וועטשערי (אבענט ברויט) ווען די גאנצע פאמיליע איז געזעסן ביים טיש, דערציילט איך אז איך האב אנגהויבן לערנען גמרא און ווען איך האב געפרעגט דעם רבי'ן א טייטשווארט האט ער מיך געשלאגן (דא האב איך טאקע געוואלט פאר'מסר'ן דעם רבי'ן).

וואס פאר א ווארט האסטו געפרעגט, פרעגט מיך מיין פאטער. איך טראכט ניט פיל און זאג דאס ווארט. ס'איז געווארן שטיל און מיין צווייטער ברודער – שמואל – (יעצט איך קישינוב) דאך נאך א בחור'ל רופט זיך אפ פארשעמט: "מיט אזא קינד הייבט מען אן לערנען קדישין?"

דעם צווייטן טאג האב איך שוין געלערנט בבא-מציאה, און מער האט מיך דער רבי ניט געשלאגן.

אזוי האב איך געוואנדערט פון איין מלמד צום צווייטן, ביז איך בין מגולגל געווארן צו יענקעלע ליטוואק, א בעל תנ"ך, וואס איז געווען פארדעכנט פאר א שטיקל "קל" און מ'פלעג אים רופן "צלם קאפ". ביי אים האב איך פיל תורה ניט געקריגן ווייל ער איז געווען אן איינבינדער, און די קינדער, די תלמידים, פלעגן בעסער העלפן אויסקלעבן די צעריסענע בלעטער פון די אלטע ספרים, פארטיק מאכן צום איינבינדן, ווי לערנען. ביז מיינע עלטערן זענען געוואוירע געווארן, ווייל איך בין געווארן א גאנצער איינבינדער און האב אנגעמאכט א חורבן אין מיין פאטערס ספרים, וואס האב זיי אלע פארקלעבט מיט פאפ, געמאכט פון מעל מיט זידיקער וואסער. און מיין מוטער ע"ה האט געהאט צו זינגען און צו זאגן. דאס גאנצע מעבעל, די שטילן, אומעטום האט זיך געקלעבט פאפ. ס'איז געבליבן מ'זאל מיך צונעמען פון איס, און נאך א גלגול פון פארשידענע מלמדים (ווייט פון גוטע) האט מען מיך איבערגעגעבן צו ר' משה הלוי, דער בעסטער גמרא-מלמד אין שטאדט. וואו מ'האט באדארפט זיין זעהר פרום און א סך דאווענען. מיר זענען דערצו ניט

געווען געוואוינט פון יענקעלע ליטוואק. לערנען נאר גמרא? "פסוק" (תנ"ך) – איז געווען ביי אים טריף. און איך בין ניט געווען קיין גרויסער ליבהאבער פון גמרא. אבער דערפאר זענען ביי אים אין חדר געווען אנדערע גוטע מעלות. דער רבי האט זיך געשניטן אויף רבנות און פלעג פסק'ענען שאלות. ער האט אלע מאל געהאט א שארפן מעסער אויף צו צושניידן דאס עוף, און א "שאלה" האט צוגענומען א האלבע שעה צייט; איז מען דערווייל געווען פריי פון לערנען. ער האט נאך געהאט א שוואכקייט פון דערציילן וואונדערליכע מעשה'לאך פון גוטע אידן און נאך מער פון שדים, לצים, וואס פלעגן צונעמען גאנצע שעה'ן. און אויף מיר האט דאס געווארפן אזא מורא, אז ווען איך פלעג פארביי־געהן א קלויסטער פלעג זיך מיר אויסווייזן אז א שד שטעקט ארויס א לאנגע צונג, מ'שנייט זי אפ און ס'וואקסט אויס נאך לענגער. איינע פון מיין רבי'נס מעשיות, מיט נאר אזעלכע וואונדערליכע שדים־מעשיות האבן אויף מיר אזוי געווירקט אז א שטיק צייט האב איך מורא געהאט צוצומאכן די אויגן ווי אויך ארויסצוגעהן ביינאכט פון שטוב.

ס'איז דאן פארגעקומען א מחלוקת אין שטעדטל, ווי געוויינליך צווישן דעם רב מיט די שוחטים איבער א סירכה. מיין פאטער איז געווען פון רבי'נס צד און מיין רבי משה הלוי איז געווארן דיין פון צווייטן צד. האט זיך מיין פאטער און נאך איינער, ישראל בוכמן אנגע'ברוגז'ט און האבן אונז אפגענומען פונים רבי'ן. און אזוי ווי ער איז געווען דער בעסטער גמרא מלמד, האט מען שוין אונז ניט געקאנט געבן צו א קלענערן מלמד און מיר זענען דערווייל ארומגעגאנגען בטל. דאן האט מיין פאטער געשריבן צו מיין ברודער, שמואל באלצאן אין קעשעניב, ער זאל צושיקן פאר אונז א ספעציעלן מלמד. דער ברודער האט געשריבן, אז ער שיקט אונז צו א בחור א ליטוואק, מיטן נאמען סטאליציף, א גרויסער בעל תנ"ך, א משכיל, און ער דענקט אז ס' איז שוין צייט מ'זאל אנהייבן לערנען אויף א מער מאדערנעם וועג.

דער בחור, דער ליטוואק, האט געקריגן 125 רובל א זמן פאר דריי קינדער, ד.ה. – פאר מיין חבר 50 רובל, פאר מיך 50 רובל און פאר מיין שוועסטער'ל 25 רובל. עסן האט ער באדארפט א האלבן זמן ביי מיין חבר'ס פאטער און א האלבן זמן ביי אונז. מ'האט אונז אפגעגעבן א באזונדער צימער אין דעם פליגל וואס איז געווען אין גארטן, אין הויף.



דער נייער רבי, אדער ווי מיר פלעגן אים רופן – לערער – האט איינגעפירט א נייע מעטאדע פון לערנען.

ער האט צוטיילט דעם טאג אויף שעה'ן און אין יעדער שעה האט מען עפעס אנדערס געלערנט; ער האט אויסגעשטעלט א שעהנע טאבליצע פון די לימודים, פון יעדן טאג און יעדער שעה און האט זי אויפגעהאנגען אין צימער.

די לימודים זענען באשטאנען פון: חומש, נביאים, העברעיש, דיקדוק, רוסישע גראמאטיקא און שרייבן. דערצו האבן מיר געהאט נאך א לערער אויף א שעה יעדן טאג צו לערנען רומעניש מיט דער גראמאטיקע, ווייל ביי אונז אין שטעדטל איז דאס געווען אזוי וויכטיק ווי רוסיש.

ער האט מיט אונז אנגעהויבן לערנען די שריפטן פון מאפו – דאס ערשטע ביכל וואס ער האט מיט אונז געלערנט איז געווען "אהבת ציון". פון דיקדוק האבן מיר געלערנט דעם "תלמוד לשון עברי", וואס איך האב אים גלייך איינגעבונדן און האב אים נאך ביז יעצט.

ס'איז געווארן אין שטעדטל א געוואלט, אז אלתר באלצאן און ישראל בוכמן, האבן געבראכט א ליטוואק א לערער, א משכיל און א אפיקורס, וואס וועט די קינדער אראפפירן פון דרך הישר. מיר זענען געווען די ערשטע אינגלאך אין שטעדטל וואס מ'האט אונז אנגעטאן קורצע פידזשאקן אנשטאט די לאנגע קאפאטקעלאך, און אויך אפגעקירצט די פיאות. ס'וואלט אפשר געווען געקומען צו א מחלוקת אין שטעדטל, ווען אונזערע עלטערן, נאך מער מיין פאטער, זאלן ניט געווען זיין אזוי שטארק באליבט ביי זענען אויך געווען די חקיפים, די שעהנע רייכע בעלי־בתים וואס א סך האבן באדארפט אנקומען צו זייער לאסקע און זייער טובה. ניט ווילנדיק האט זיך דער עולם געמוזט צוגעוויינען און צום צווייטן זמן זענען צו געשטאנען נאך צוויי בעלי בתים, וואס האבן זיך איינגעבעטן מ'זאל אריינעמען אויך זייערע קינדער. און דער ליטוואק דער אפיקורס פלעג קריגן צו 50 רובל פאר א קינד א זמן, חוץ מיין שוועסטערל וואס פאר איר האט ער באקומען נאר 25 רובל, ווייל פאר א מיידל צאהלט מען ווייניגער. כאטש אין אמת'ן האט זי בעסער געלערנט פון די אינגלאך, ווייל מיר אינגלאך האבן א חוץ לערנען געהאט אויך אנדערע שפילערייען וואס האבן אוועקגענומען צייט.

יעצט זייענדיק פארבינדן מיט דער עדמאנטער ה"ת באלד צוואנציק יאר, ווי אויך זייענדיק דער טשערמאן (פארזיצר) אין ועד החינוך און צוקוקנדיק זיך ווי די מיידלאך לערנען אלע מאל בעסער ווי די אינגלאך, דערמאן איך מיך ניט איינמאל אין יענע קינדערישע יארן און אין מיין קליין שוועסטערל.

פון דאן אן, אט מיט דעם לערער, דעם אפיקורס, האט אריינגעטרעטן מיט אירע ערשטע טריט די השכלה-עפאכע אין אונזער שטעדטל.

מיט דעם לערער האבן זיך אנגעהויבן חבר'ן די בעלי-בתישע בחורים'לאך, צווישן זיי מיין דריטער ברודער משה באלצאן. ביז דער עולם האט זיך צוגעוויינט און ס'האבן זיך געיאווועט מער בעלנים צו שיקן די קינדער צום לערער - דעם אפי-קורס. אבער אונזערע עלטערן האבן ניט מסכים געווען דערצו, ווייל זיי האבן גוט געצאלט לויט יענער צייט און האבן ניט געוואלט ס'זאלן זיין א סך קינדער. ס'האבן אנגעהויבן קומען לערער פון נייעם טיפ, אבער ניט אזוי גוטע ווי דער ליטוואק.

איך בין דאן אלט געווען צען צי עלף יאר און איך האב אנגעהויבן לעגן תפילין ביי דעם לערער, וועלכער האט מיט מיר געלערנט הלכות תפילין. כאטש איך האב געוויסט אז מיין לערער אליין לעגט ניט קיין תפילין און דאווענט ניט, בין איך פון דעסטוועגן געווען זעהר פארליבט אין מיינע שעהנע תפילין, וואס זענען ספעציעל געשריבן געווארן פון ר' דוד'ל סופר, איין איבערבלייבניש און זכר פון דעם לעאווער רבי'ן ר' בערעניו ע"ה דער סופר פלעג אלע מאל לויפן אין מקוה אריין און דער פאר האט ער געקריגן גוט געצאלטס פאר מיינע תפילין.

דער לערער האט זיך מיט אונז געפירט ווי א חבר און כאטש מ'האט אונז אפגעגבן א באזונדער צימער צום לערנען, פלעגן מיר כמעט די גאנצע צייט פארברייננגן אין גארטן, אונטער די שאטנדיקע ביימער, וואו מיר פלעגן לייענען ביכער: "עיט צבוע", "אשמת שומרון" א.א.

דער לערער פלעג מיט אונז פארברייננגן חבר'ש, פלעג אונז פיל דערציילן און מיר האבן אים שטארק ליב געהאט. דאס בעסטע וואס מיר האבן ליב געהאט איז געווען, ווען ער פלעג לער-נען מיט אונז נביאים. איך געדענק ווי ער פלעג זיך אוועקשטעלן



געגען אונז, אדער שפאצירן איבערן צימער, פון איין עק צום צווייטן און פארזאגן פאר אונז אויסנווייניק א קאפיטל פון ישעיהו.

ער איז געווען א הויכער געשטרעקטער בחור און די בעסאראבער קעסט און לופט האבן אים געמאכט געזונט און שטארק. און ער פלעג פארלעזן דאס קאפיטל נביאים מיט אזא טאן אז מיר פלעגן ווערן באגייסטערט און ניט איינמאל פלעג זיך מיר אויסדאכטן אז ס'שטעהט אין דער הויך ישעיהו הנביא און רעדט צום פאלק.

ער פלעג די באגייסטערונג באמערקן און זיך באמי-העז איינצווארצלן אין אונז די ליבע צום תנ"ך און צו אונזער פארגאנגנהייט.

מחמת קנאה וואס דער לערער האט די פארמעגליכסטע, יחסנישע קינדער פון שטעדטל און וואס מ'צאהלט 50 רובל א זמן פאר א קינד, מיט עסן און מיט אזא כבוד, האבן די אלטע מלמדים נאכגעזוכט - און אז מ'זוכט געפינט מען - און מ'האט אים גע-מסר'ט, אז ער איז איין אנטלאפענער פון פריזיב (מאביליזירונג) אין דער ליטא.

מיט כאבאר האט מען אים אויסגעקויפט ביים פריס-טאוו, און טאקע יענע נאכט איז ער אריבער דעם פרוט - די גרע-ניץ קיין רומעניע - און פון דארט איז ער אוועק קיין אמעריקא.

נאך דעם איז אונז געווען שווער צוצוקלויבן איין אנדער לערער. די לערערס האבן זיך אפט געביטן און דערווייל זענען מיר עלטער געווארן. מיר האבן געליינט אלע ביכער וואס מיר האבן נאר געקאנט קריגן, אויך דעם "הצפירה", "המליץ" און ס'האט זיך געגרינדעט א קרייז פון יונגווארג. מיר האבן אויך איינגעארדנט א קליינע ביבליאטעק און די השכלה האט מער און מער אריינגעדרינגן אין אונזער שטעדטל.

נעמנדיק אין באטראכט, אז לעאווא איז ביז ביס לאנג פאר דעם געווען די רעזידענץ פון דעם רבי'ן ר' בערעניו, דער יינגסטער פון דעם ריזשינערכ קינדער, וועלכער איז פשוט פארהייליגט געווארן פון עולם, און ניט ווילנדיק געדענקן די געשיכטע, אדער דעם אומגליק (?), וואס האט מיט אים פאסירט, איז דער גרעסטער טייל פון די איינוואוינער פארבליבן געטריי

דעם ריזשינערס דינאסטיע און מ׳פלעג אפט פארן באזוכן דעם קבר פון ר׳ בערעניו, וואס ליעגט אין איין אוהל מיטן פאטער דעם ריזשינער און זיינע פארברענטע חסידים.

און דאך האט אין דעם שטעדטל צווישן די חסידים אריינגעשיינט דאס ליכט פון דער השכלה וואס האט זיך צוביסלאך פארשטארקט אדאנק דעם לערער וואס א פאר בעלי-בתים תקיפים האבן אראפגעבראכט און וועלכן דער עולם האט זיך ניט געקאנט אקעגנשטעלן. ס׳האט אפשר א ביסל צוגעהאלפן דער אוימגליק (?) מיטן רבי׳ן; ווער ווייסט?

די באדינגונגען אין וועלכע מיר האבן געלעבט זענען געווען זעהר גינסטיקע, א שעהנער רייכער און מילדער קלימאט, מיט אלע באקוועמליכקייטן, לויטן באגריף פון יענער צייט. ביי פארמעגליכע עלטערן; האט מען אלעס געקאנט גרינג דורכפירן. די ביבליאטעק איז די ערשטע צייט געווען ביי אונז אין הויף, אין יענעם צימער וואס מ׳האט אונז אפגעגעבן צום לערנען. און מיר די פיר קינדער פון יענע ערשטע בעלי-בתים זענען געווען די אנפירער פון דער ערשטער משכילישער יוגענט.

מיר פלעגן פארברענגען די גאנצע צייט ביי אונז אויפן גארטן, וואו מיר האבן געליינט ביכער און צייטונגען, און איך מוז באמערקן דא אין א פאר ווערטער, אז מיין מוטער ע"ה האט געהאט א גרויסן חלק אין אונזערע פארזאמלונגען. זי פלעג זיך אנידרזעצן צווישן אונז, אין שאטן פון די בוימער, מיט א זאק אין האנט, און פלעג אונז דערציילן וואונדערליכע געשיכטעס, פון מדרש, אגדתא, וואס זי האט זיך פיל אנגעהערט פון איר פאטער ר׳ שמואל גיטרמן ע"ה, וועלכער איז געווען א גרויסער תלמיד-חכם ווי אויך איר ברודער ר׳ דודל גיטרמן פון האנטשעשטי. אליין האט מיין מוטער ניט געקאנט לייענען און שרייבן, אבער א זכרון האט זי געהאט צום באוואונדערן און זי פלעג אויסהערן וואס מ׳פלעג דערציילן און לייענען. פיל זאכן וואס מיר פלעגן פארגעסן האט זי געדענקט יארן-לאנג. אין פאליטיק איז זי געווען א מומחה; זי האט זיך כסדר צוגעהערט וואס ס׳רעדן אין שטוב פארשידענע מענטשן נאכ׳ן לייענען דעם "הצפירה", "המליץ", "המגיד" און ווי זיי טייטשן אויס די פאליטיק, און אויסהערנדיק פלעג זי אלעס געדענקן מיט די נעמען פון אלע גרויסע פאליטיקער און שטאטס-מענער.



חנה בת שמואל בלצן (גיטרמן)
אם כל הבלצנים. די מוטער פון אלע באלצאנ׳עס

מיר קינדער פלעגן באוואונדערן ווי זי פלעג איבער־זאגן אונזערע לעקציעס, וואס מיר האבן קליינרהייד געלערנט ביי די לערער און שוין לאנג פארגעסן. אבער זי האט אלעס געדענקט. דעם אינהאלט פון ציוניזם האט זי געוויסט דורך און דורך. ווען רעבעלסקי איז דא געוועזן (אין עדמאנטאן) צוריק מיט עטליכע יאר, רופט ער זיך אן צו מיר צווישן א גרויסן עולם וואס איז געקומען אים זעהן אין האטעל: - "ר׳ יעקב באלצאן, איך האב צו איין א גרוס פון אייער מוטער; איך קאן אייך זאגן אז זי וויסט דעם ציוניזם בעסער פון אלע קאנאדער ציוניסטן!" - און דער־ציילט אזא געשיכטע.

בעת א קאמפיין פון קרן היסוד אין באסראביע האט מען באדארפט פארן קיין לעאווא. האבן זיי דערשמעקט אז צו מאכן געלט אין לעאווא קען נאר העלפן מיין ברודער שמואל באלצאן פון קעשינעב ווייל יעדער קען אים און די פאמיליע איז א פאר־צווייגטע. מ׳איז אוועק צו בעטן אים ער זאל פארן מיט דער דע־לעגאציע קיין לעאווא. ווייל ס׳איז געווען ערב שבועות האט ער אפגעזאגט ערקלערנדיק אז ער פארט קיינמאל ניט אוועק פון דער היים אויף יום טוב.

די חברה האבן אבער אים געוואלט האבן זעגען זיי צוגעשטאנען צו מיין שווייגערין, זיין פרוי, רחל לאה באלצאן, און זי האט געפועלט ביי אים ער זאל פארן מיט זיי. דער קאמפיין איז דורכגעגאנגען מיט גרויס ערפאלג, מ׳האט "געמאכט" דריי מיליון לעי. מיינע שוואגערס, און מיין ברודער יצחק באלצאן, און די קינדער האבן אליין געגעבן א מיליאן לעי.

נאכן קאמפיין זאגט מיין ברודער צו רעבעלסקין: "קומט וועט איר זעהן מיין מאמע." ער האט זיך פארגעשטעלט עפעס א אלטמאדישע אידענע. אבער ווען ער איז אפגעזעסן א שטיקל צייט, געעסן דעם כיבוד, ניס מיט ווייץ, און דער ווייל געהערט מיין מוטער רעדן, איז ער געווען שטארק ענטציקט און געזאגט צו מיין ברודער:"אייער מוטער איז א וואונדערליכע פרוי; זי מוז קענען פיל לערנען!" ענטפערט מיין ברודער: זי קאן ניט לייע־נען און קאן ניט שרייבן. אלעס לערנט זי אויסנווייניק.

מיין מוטער וואס האט ליב געהאט כסדר צו הערן דברי תורה, האט אויך ליב געהאט צו הערן לייענען די השכלה ביכלאך, זי פלעג אונז מכבד זיין מיט פרוכט וואס איז געווען

ווען איך האב זיך איין מאל געווענדעט צו מיין מוטער אין לעאווא און זי געבעטן זאל מיר אנשרייבן וואס האט פאסירט מיט ר׳ בערעניו - האט זי מיר געענטפערט: - "ר׳ בערעניו איז דעם ריזישנערס א קינד; וועגן ר׳ בערעניו שרייבט מען גאר ניט!"

בשפע און זאגן: - "עסט געזונט און זייט ערליכע קינדער ניט קוקנדיק וואס איר לערנט".

איין מאל הער איך ווי א שכנה, איין עלטערע פרוי, רופט זיך אן צו איר: - "חנה, ווי קומט עס וואס איר לאזט אייערע קינדער לערנען טריף-פסול. דערציילט איר מיין מוטער די מעשה פון רבי מאיר רמון מצא חוכו אכל קליפתו זרק"... מיט אלע פינקטליכקייטן. זאלן קינדער לערנען אבי זיי זאלן זיין ערליכע קינדער.

אט אזוי איז אנגעגאנגען אונזער וועלטל מיט דער מיטהילף פון מיין מוטער. פון מיין פאטערס זייט איז געווינ קיין מניעה ניט געווען. איך האב אמאל געפאקט צווישן זיינע ספרים איין "עיט צבוע". ער פלעג זיך צוכאפן צו אונזערע ביכלאך און שטילערהייד זיי לייענען.

צוביסלאך האבן אנגעהויבן קומען צו אונז איינגלאך פון חסידישע עלטערן, וואס פלעגן נאך גען מיט לאנגע קאפאטקעלאך. אונזער שטעדטל איז נאך געווען אנגעזאפט מיטן חסידישן גייסט כאטש פיל זענען שוין ניט געווען אזעלכע פארברענטע חסידים איבער דער מעשה מיטן לעאווער רבי'ן. איך האב שוין וועגן דעם אמאל געשריבן אין "דאס אידישע ווארט".

צו דעם האט פיל מיטגעווירקט דער מסחר מיט אויסלאנד אדאנק וועלכן דאס שטעדטל פלעג באזוכט ווערן פון פארשידענע סוחרים. דאך זענען נאך פיל געווען איבערגעגבן דער רידזשינער משפחה און דער נאענסטער רבי צו אונז איז געווען דער בוהושערי איצעלע.

* *

*

רעדנדיק פון דעם בוהושער רבי'ן האב איך מיך דערמאנט און א מעשה, ווען דער רבי האט פיל מיט געהאלפן.

אין א יאר האט זיך פארגלוסט דער רוסישער רעגירונג צו מאכן מאנעווורעס פון דעם גאנצן אדעסער ווי אויך װארשעווער וואיענני אקרוגען(מיליטער באצירקן) און דער געגענט פון לעאווא ביי דער רומענישער גרעניץ.



צי ס'איז געווען א פאליטיק דערביי ווייסט מען ניט. אבער רומעניע האט זיך גאנץ גוט דערשראקן פאר אזוי פיל רוסיש מיליטער און האט פראטעסטירט. איך וועל נאך פון דעם רעדן. ס'איז געווען אין דער רעכטער צייט ווען די פעלדער זענען געווען פול מיט ארבוזן, דיניעס (מילאנען), אוגערקעס און אויך אנדער גרינוואוג. די סאלדאטן אויס־געמאטערטע און זשעדנע, האבן זיך ארויפגעווארפן אויף די באשטאנעס און ביז זיי זענען צוגעקומען צו אונזער שטעדטל האט אויסגעבראכן צווישן די סאלדאטן א כאלערע עפידעמיע און זיי זענען געפאלן ווי די פליגן.

די באפעלקערונג האט שטארק פראטעסטירט און געבעטן מ'זאל צונעמען די סאלדאטן.

פון דער אנדערער זייט האט די רומענישע רעגירונג זעהענדיק אזוי פיל מיליטער ביי דער גרעניץ געפאדערט מ'זאל אוועקנעמען דאס מיליטער, ווייל דאס איז קעגן דעם בערלינער טראקטאט פון 1878, לויט וועלכן ס'איז פארבאטן רוסלאנד צו האלטן מיליטער ביי דער רומענישער גרעניץ פון נייער באסאראביע, אויסער גרעניץ – וואך (אביעזטשיקעס). מ'האט די סאלדאטן צוריק גערופן ניט פארענדיקנדיק די מאנעווורעס, אבער זיי האבן איבערגעלאזט א "מתנה" – די חולי־רע, וועלכע האט אנגעהויבן בושעווען צווישן דעם ארימען עולם.

די רעגירונג און דאס שטעדטל האבן אנגענומען שטרענגע מיטלען צו באקעמפן די מגפה. מ'האט אראפגעבראכט עטלעכע דאקטוירים און פעלדשערס. די אידן און די קריסטן האבן צוזאמען ארגאניזירט א שטרענגן סאניטארן קאמיטעט מיט דער הילף פון דער רעגירונג און מ'האט אנגעהויבן רייניקן די ארימע וואנונגען, סיי ביי די אידן און סיי ביי די קריסטן, אויך די קעלערס, בוידעמער א.ז.וו.

מ'האט געטיילט גענוג גוטע אומזיסטיקע שפייזן, אװעקגעשטעלט צוויי באראקן וואו מ'האט געטיילט יעדן אומזיסט שטארקע אלטע ווייגען, און אויך קאניאק געגעבן יעדן צו טרינקען און מיט די מיטלען איז די קראנקהייט איינגעשטילט געווארן אין צוויי וואכן צייט.

אבער ניט אזוי גרינג איז אנגעקומען צו האלטן רייך

ביי א סך אידן. האט מען זיך געווענדעט בשתיקה צום בוהושער רבי׳ן וועלכער האט געוואוינט אין רומעניע און ער האט צוגעשיקט א באפעהל צו אלע אידן, וועלכן מ׳האט אויסגעקלעפט און אלע שולן און דאס האט טאקע פיל מיטגעהאלפן; דער באפעהל האט אנטהאלטן א צעטעל פון פארשידענע אינסטרוקציעס און מיטלען ווי צו האלטן ריין די היידער, גוט עסן, א סך שלאפן, טרינקן משקה, אויסווייסן די הייזער און ארום די ווענט שרייבן א פאס מיט שווארצע קוילן, א סגולה אז דער משחית זאל ניט אריינקומען. קוקנדיק אויף די אידען האבן אויך די קריסטן אלעס נאכגעטאן און ווען מ׳איז אראפגעקומען און דער ארימער געגענט האט מען געקאנט זעהן ווי אלע הייזער זענען אפגעקאלכט ווייס, ארומגעשמירט מיט א שווארצן פאס פון קוילן.... לויטן באפעהל האט מען אויך געדארפט שטעלן א חופה אויפן הייליקן ארט.

אין יענער צייט האבן אלע בעלי-בחים ארויסגענומען פון די קעלערס די אלטע שטארקע ווייגען. מ׳פלעג זיך צונויפקומען און טרינקן.

קיין מסחר האט זיך ניט געפירט. די שטאדט איז געווען אפגעשלאסן. אין יוצא ואין בא. און דא דערמאן איך זיך אין א קאמישער פאסירונג. מיין פאטער האט געהאט צווישן זיינע וויינ[illegible] א פאס וויין, מיטן נאמען "מבושל" וואס איז געשטאנען א סך יארן. איך וויל אויפקלערן וואס הייסט "מבושל". ווען מ׳מאכט די וויינ[illegible] זענען זיי זעהר זיס. נאכהער שפילן זיי אויס און ווערן וויינ[illegible] ווען דער וויין איז נאך פריש און זיס גיסט מען אים אריין אין גרויסע קופערנע קעסלען, פון 50 – 60 העמער יעדער, און מ׳קאכט זיי ביז 50° און דאן פארבלייבט דער וויין זיס.

האט מען זיך דערמאנט אז ס׳וואלט ניט געשאדט צו פרואוון דעם וויין. און ווען איז מען מכבד מיט אריינשטעלן דעם קראנט און פאס? מסתמא מיך... און דאן איז געווען ביי אונז צו גאסט מיינער א חבר, א מחותן פון סקולעני, אהרן-יוסף באנדאר, וועלכן דער קראנקייט האט פארכאפט אין לעאווא און ער האט ניט געקאנט אהיימפארן, מיר ביידע, צווי באסאראבער בחורים לאך פון 12 – 16 יאר, נעמען מיט זיך די נויטיקע מכשירים און געהן אראפ אין קעלער. מיר שטעלן אריין דעם קראנט און דערווייל פארזוכן מיר צוביסלאך. דאס שטארקייט פונם וויין ווי אויך דער ריח אליין האט אויף אונז געווירקט, און כאטש מיר זענען געווען



געוואוינט צו שטארקן וויין, זענען מיר ביידע געבליבן שלאפן ביים פאס.

אין שטוב האט מען זיך געכאפט אז מיר זאמען זיך צופיל. מ׳געהט אראפ און קעלער און מ׳געפינט אונז ביידע שלאפן ווי די הרוגים אנגעשפארט אין פאס. א שטיק צייט האב איך זיך געשעמט ווען מ׳פלעג מיר דערמאנען די געשיכטע.

פארשטעהט זיך אז ווען ביי א בעל-הביח אין לעאווע אין גוטע אומשטענדן געפינט זיך אזא מין וויין, האט מען שוין ניט מורא פאר דער חולי-רע אויך. די וויינען, ווי מבושל, פלעגן מיר נוצן צום שוויצן, צו בויכוועהטיק, צו קדחת..... איך געדענק ווי ס׳פלעגן קומען קינדער פון באקאנטע און בעטן וויין אויף א רפואה.

אין דער צייט פון דער מגפה איז פארבאטן געווארן צו עסן גרינווארג און פרוכטן. און ביי אונז אויף דעם בוידעם איז געליבן צושפרייט א גאנצער זאפאס מיט פאמען (וויינטרויבן) צו טרוקענען זיך פארן ווינטער. די טרויבן אויפן בוידעם ליגן ביז שפעט אין ווינטער. און ווען די צייט איז נארמאל עסט מען כסדר פאמען, ווען פרישע איז שוין אונמעגליך צו קריגן. און ווען מ׳נעמט זיי אראפ פון בוידעם איז א פארגעניגן זיי צו עסן.

אבער ווען קיין פרישע פרוכטן טאר מען ניט עסן ווי קען זיך א באסאראבער איינגל איינהאלטן און ניט כאפן א נאש פון די טרויבן אויפן בוידעם, ניט קוקנדיק וואס ס׳איז געווען פארווערט פון די דאקטוירים ווי אויך פון די עלטערן ?

יעדן טאג, ווען מיין פאטער פלעג זיך צולעגן שלאפן, פלעג איך זיך ארויפכאפן אויפן בוידעם עסן א פאר קרענצליך טרויבן, אפילו ניט אפגעוואשן. ווער האט דאס צייט דערצו? איך האב אבער באמערקט אז דא עסט נאך איינער פון דער פארבאטענער פרוכט, און איך האב זיך פארלעגט אויסצוגעפינען ווער דאס איז. איך האב זיך פארשטעלט אויף דעם בוידעם און געווארט.

און ביי מיין ברודער יצחק האט זיך אויפגעכאוועט זיין ווייבס א ברודערל, א יתום, א בחור פון 16 יאר. געהייסן האט ער שייקע פרוכטמאן און איז געווען מיין חבר. איך זעה ווי ער קריכט ארויף און נעמט זיך קאלטבלוטיק צום עסן. ווען איך האב

א געשרעה געטאָן – "שייקע!" – האט ער זיך שטארק דערשראקן און איז כמעט פארבליבן חלשות, ווייל צווישן המון פלעגן ארומגעהן פארשידענע מעשיות וועגן דעם ווי די חולי־רע פארשטעלט זיך אין פארשידענע געשטאלטן צו כאפן אירע קרבנות, און ווען איך האב אים פלוצים ארוף געטאָן ביים נאמען אויף דעם גרויסן בוידעם – וואו ער ווייסט אז חוץ אים איז קיינער נישטא – האט ער זיך שטארק דערשראקן.

פון דאמאלס אן פלעגן מיר זיך יעדן טאג באגעגענען אויפן בוידעם און ביידע עסן פון דער פארבאטענער פרוכט.

אין א טאג קריכנדיק אויף דעם לייטער, אין דעם פאליסאדניק צווישן ביידע הייזער, הער איך ווי מ'קלאפט און פענסטער. איך האב זיך אפגעשטעלט טראכטנדיק אז מ'האט מיך אויפגעדעקט מיט מיין חטא. אבער ווען איך האב מיך איינגעקוקט האב איך געזעהן ווי מיין שוועסטערל איטה רופט מיך און זאגט: – "וואו שטעהט געשריבן אז נאר איר ביידע דארפט איפעסן די גאנצע טרויבן? און מיר קומט גאר ניט?" – איר טענה איז געווען א גערעכטע, אבער זי האט ניט געטארט קריכן אויפן בוידעם, ווייל ס'וואלט זיך געווארפן אין די אויגן. דעריבער פלעגן מיר יעדן טאג איר אראפברענגען עטלעכע קרענצלאך.

זיצנדיק איינמאל ביי מיטאג, ווען די מגפה האט זיך שוין איינגעשטילט, שיקט מען דעם משרת אראפברענגען פון בוידעם א טאץ ווייַנטרויבן. ער קומט אראפ און דערציילט אז ס'איז דארט א גאנצער חורבן, אז ס'איז כמעט ניט געבליבן קיין טרויבן. מיין פאטער טראכט ניט קיין סך, טוט א קוק צו מיר און זאגט: – "נו, חכשיט'ל, וואס ווייסט דו פון דעם?" איך מיט מיין שוועסטערל האבן זיך צולאכט און דערציילט די גאנצע געשיכטע, ווי מיר פלעגן יעדן טאג עסן פון די טרויבן, ניט קוקנדיק אויף די פארזאגעכצן און אז מיר האבן געוואלט פרואוון צו ס'קען טאקע פארשאטן; ווייזט אויס א ס'איז ניט ריכטיק, ווייל ס'האט אונז גארניט געשאדט.

איך האב זיי אויך דערציילט ווי איך האב געפאקט שייקע'ן און ווי ער האט זיך דערשראקן און זיי האבן געהאט וואס צו לאכן. נאר מיין מוטער האט זיך ניט געקאנט באַרוהיקן: – ווי נעמט עס א יונגאטש און טוט א זאך וואס מ'טאר ניט? "ער האט דאך זיך געקאנט אומברענגען!" – האט זי געטענה'ט.



*   *

*

דערווייל האט אונטערגעוואקסן דער יונגערער דור און מ'האט פאר זיי אראפגעבראכט א לערער, יהודה שטיינבערג, א קליין מאגער אידל מיט א קליין געשוירן בערדל, וועלכן מ' האט רעקאמענדירט אלס א גוטן לערער, תלמיד־חכם, משכיל, אבער א גרויסן אפיקורס. ס'האבן זיך ווידער געפונען עטליכע בעלי־בתים, פון די גבירים און שטעדטל, צווישן זיי מיין עלטערער שוואגער לייב שאפער (אייגנטימער פון דער באנקא מאלדאווא, אפטיילונג און שטעדטל), וואס האבן אים גענומען אונטער זייער שוץ און ער פלעג קריגן 400 רובל א זמן פאר 5 קינדער. די ערשטע צייט, ביז ער האט אראפגעבראכט זיין פאמיליע, פלעג ער עסן ביי מיין שוואגער, וואו מיין עלטערע שוועסטער גאלדע פלעג שטארק אכטיק געבן אויף אים ס'זאל אים גארניט פעהלן. זי איז געווען זעהר א גוטהארציקע און נאך מער בערייט צו העלפן ווי מיין מוטער. דארט, ביי מיין שוואגער און שוועסטער אין הויז, האב איך מיך מיט אים באקאנט און ס'האט זיך פארבונדן צווישן אונז א הייסע פריינדשאפט.

אליין א באסאראבער – האט ער אויך כסדר ליב געהאט דאס פעלד און גארטן. נאך מערער האט ער ליב געהאט דעם פרוט וואו מיר פלעגן געהן אדער פארן דריי מאל אין טאג זיך באדן (אפילו שבת). ער האט באזוכט אונזער ביבליאטעק און אויך מיר צוגעזאגט עפעס צו טאָן פאר אונז אויב ס'וועט קיין שטערונג ניט זיין. איך האב אים פארשפראכן אז ער וועט קריגן שטיצע וועגן דער זאך אפילו פון מיין מאמען. ער איז געווען עלטער פון מיר. ער אליין איז געווען פון דער אלטער באסאראביע. ביי אונז האט זיך גערעכנט די נייע באסאראביע, וועלכע איז איבערגעגאנגען צו רוסלאנד נאך דער רוסיש־טערקישער קריג, ביי פלעווונא. לויט דעם בערלינער טראקטאט פון 1898 איז גאנץ נייע באסאראביע איבערגעגאנגען צו רוסלאנד.

יהודה שטיינבערג איז געווען פון יעדינעץ און חתונה געהאט פון בריטשאן. זייענדיק שוין א משכיל איז ער גערודפ'ט געווארן פון יענע צוויי שטעדטלאך, אזוי אז ער פלעג



יהודה שטיינבערג



ליידן הונגער. ווען ער איז געקומען צו אונז און געלעבט אונטער זעהר גוטע און רייכע אומשטענדן און אויך פארעהרט געווען פון יעדן, קען מען זאגן מיט זיכרהייט אז די נייע סיטואציע האט פיל מיטגעהאלפן צור אנטוויקלונג פון זיין שענער פאעטישר נשמה און ס׳האט פון איס אויסגעוואקסן דער באוואוסטער שריפטשטעלער - דיכטער יהודה שטיינברג.

און ער איז שוין געווארן אונזער פיהרער; ער האט ארגאניזירט א קרייז "בני ציון" פון דער יוגנט. כאטש אונזערע עלטערן זענען אלע געווען מיטגלידער פון אדעססער קאמיטעט - "חובבי ציון", האבן זיי ווייניג געוואוסט פון ציוניזם.

אייגנטליך האט שוין ביי אונז אזא חברה עקזיסטירט. ס׳האט זי געגרינדעט ביי אונז דער דאמאלסדיקער מאדערנער - רעדנער - מטיף, מר מאסליאנסקי, ווען ער איז אראפגעקומען צו אונז אין שטעדטל פון אדעססער "חובבי ציון" קאמיטעט. ער האט גערעדט אין דער גרויסער שול, אויף די טרעפ פונם ארון קודש. ער האט געהאט א גרויסע טשאפרינע האר, א ביסל געשוירן בערדל. געווען א מאדערנער רעדנער. איך געדענק אפילו אז ער האט גארעדט פון "עצמות יבשות". ס׳איז פאר אונז געווען א נייעס. מיר זענען געווען געוואוינט צו די אלטע מגידים, אדער בעלי-דרשה׳ס, וואס פלעגן נאר "מוסר׳ן" דעם עולם. איך בין נאך געווען גאר יונג. ער האט מיט זיינע פייערדיקע רעדעס באגייסטערט דעם עולם און האט צוגעצויגן פון די עלטערן א גרויסע צאל חברים פאר דעם אדעססער "חובבי ציון" קאמיטעט, און אונז אינגלאך האט ער ארגאניזירט אין "בני-ציון" מיט א אפצאל פון דריי רובל א יאר.

ווען שטיינברג איז געקומען, האט ער עס גענומען איינארדנן אויף זיין שטייגער, די ביכלאך זענען איבערגעפירט געווארן אין א גרויסן צימער, וועלכעס האט אפגעגעבן אומזיסט מרדכי שפינאדל.

די ביבליאטעק איז געווארן דער צענטר און מיטל-פונקט פון דער יוגנט. יהודה שטיינברג איז געווען דאס השכלה-פייער צו וועלכן אלע האבן זיך געצויגן, צו ווארעמן זיך ארום אים.

ער האט איינגעפירט ליטעראטור - אוונטן און פארלעזונגן. דאס איז געווען זיין שוואכקייט, ער פלעג אלע מאל פארלעזן און ארומטייטשן און ס׳איז טאקע געווען וואס צו הערן.

איך געדענק אין א תשעה באב האט מען זיך פארזאמלט אין ביב-ליאטעק און ער האט פארטייטשט "ציון הלא תשאלי..." ס'האט זיך צוביסלעך אנגעפילט דער צימער פון עלטערן וואס זענען געקומען הערן וואס דער אפיקורס וואט דערציילן די קינדער; זיי זענען אבער שטארק באאיינפלוסט געווארן. ס'האט זיך אויך געהערט א באמערקונג: "אז מ'זאגט ער קאן – זאל מען גלויבן, אבער וואס וועט ער מאכן פון די קינדער?"

אזוי האט אונזער ביבליאטעק געוואקסן. פון קיין געלט איז קיין מניעה ניט געווען ווייל מיר זענען אלע געווען קינדער פון פארמעגליכע עלטערן, ביי וועלכע לויט די מאטי-ריעלע אומשטענדן האט דער רובל קיין גרויסע ווערט געהאט.

ווען זיין פאמיליע איז געקומען; זיין פרוי פראדל, זיין עלטער אינגעל –נחום (איך האב וועגן אים שוין אמאל גע-שריבן אין "ד. אמ. ור." מיטן נאמען "דער לעבעדיקער מת"), זיין מיידל צינה (ציונה) און א קליין אינגעל – דאן זענען מיר געווארן זעהר נאענטע פריינט.

ווייל דאס שטעדטל איז געשטאנען ביי דער רומעני-שער גרעניץ איז די פאליציי געווען זשאנדארמקי. די זשאנדאר-מען פלעגן כסדר ארומגעהן שמעקן און נישטערן, זוכן קאנטרא-באנדע און אויך אכטונג געבן אויף פאליטישע פאדברעכער, וואס פלעגן דורך אונזער שטעדטל אריבער די גרעניץ. וואס מערער מ' האט געשיקט זשאנדארמען אין שטעדטל אלס מערער סאציאליסטן און אנדערע פאליטישע פאברעכער פלעגן ביי אונז גנב'ענען די גרע-ניץ און אויך מער קאנטראבאנדע איז דורגעפירט געווארן. דאס קאנטראבאנדע מסחר איז געווען שטארק פארשפרייט צווישן די גויים פון די דערפער וואס זענען געליגן און ביידע זייטן פון טייך פרוט און פיל פון זיי האבן געהאט יידישע שותפים פון די זעלבע דערפער.

האבן זיך די זשאנדארמען פארלעגט אויף אונזער ביבליאטעק. פלעגן אריינקומען איבערקוקן צי די ביכער זענען אלע ערלויבט פון דער צענזור. האבן זיי אמאל געפונען די ווארשאווער יידישע וואכנצייטונג "דער איד" וואס פלעג זיך דרוקן אין קראקו און האט ניט געהאט דעם שטעמפל פון צענזור. יעדע וואך פלעגן זיי אריינקומען צונעמען די צייטונג וואס איז אנ-

געקומען מיט דער פאסט, ביז מ'האט זיי געשריבן פון ווארשא, אז די ווארשעווער צענזור ערלויבט יא די צייטונג.

קיין ערלויבניש צו האלטן די ביבליאטעק האבן מיר ניט געקענט קריגן ווייל ס'איז נעבן א גרעניץ און האלטן ביי אונז א ספעציעלע צענזור האט דער רעגירונג ניט געלוינט. אין די זשאנדארמען פלעגן אלע מאל אריינקומען זעהן וואס עס קומט פאר, ווער ס'קומט אהין און געהאלטן א אויג אויף יעדן. מיר האבן געמוזט ענדליך איבער־פירן די ביבליאטעק צו שטיינבערגן און אהין פלעגן מיר זיך צונויפקומען און פארברייגגן. מ'קען זאגן אז שטיינבערג האט אויפגעלעבט די לעאווער יוגנט און אריינגעבראכט די השכלה אין א פולער מאס.

*   *

*

אונזער שטעדטל איז געווען פארערכנט פאר גאר א פרייעס, אפיקורסיש. די געשיכטע מיט דעם לעאווער רבי'ן, די צייט, די מסחר – פארבינדונגען מיט דער אויסערליכער וועלט, די גוטע עקאנאמישע לאגע – דאס אלעס האט געפידט צו דעם אז דער עולם איז אוועק אביסל "ווייטער", געווארן פרייער ווי די אנדערע שטעדטלאך ארום אונז וועלכע זענען פארבליבן הינטערשטעליק, פאנאטיש. פלעגן דארט געהן אין שיך און זאקן און אין די גאטיעס, לאנגע קאפאטעס, לאנגע פיאות, און טאקע דערצו־מיט א קליינער אויסנאמע – גרויסע אביונים.

ס'האט באדארפט פארקומען א חתונה ביי אונז אין דער משפחה. ביי די מחותנים שאפער. האבן זיך די מיידלאך געלערנט טאנצן די געוויינליכע טענץ ווי קאדריל, פאליקע, שעהר, בולגאריש, הארא א.א. אויף יענער החונה בין איך געווען דער איינציקר לעאווער בעל-הבתיש בחור'ל וואס האט געטאנצט, געוויינלעך מיט אייגענע מיידלאך פון דער פאמיליע. ס'איז געווען נאך איין בחור וואס האט געטאנצט. דאס איז געווען א מחותנ'ס א זון פון סקולעני.

דאס שטעדטל איז געגאנגען כאדאדאס. מ'האט געפרעגט



מיין פאטער, ווי האט ער דאס דערלאזט צו אזא הפקרות. האט ער געענפערט אז ער זעהט ניט אין דעם קיין הפקרות, בפרט ווען איך האב געטאנצט מיטן רב'ס א מיידל (אויך א מחותן) און דווקא א שעהנע. אזוי האט מען זיך צוביסלאך צוגעוואוינט און אין א יאר ארום האט מען מיר שוין ערלויבט צו טאנצן מיט מיידלאך פון אנדערע בעלי-בתים און די עלטערן האבן נאך הנאה געהאט.

כאטש לעאווער זענען געווען פארערכנט פאר פרייע, האט מען זיך באצויגן צו זיי מיט רעספעקט, ווייל מ'האט געצויגן היונה פון אונזער שטעדטל וואס האט געמאכט גרויסע עקספארט ביזנעס.

*   *

*

ווי איך האב שוין אויבן באמערקט, האט מיין פאטער ניט ליב געהאט זיך מישן אין קהילה זאכן, אבער מ'האט ניט געטאן קיין זאך ביז מ'האט זיך מיט אים ניט איבערגערעדט און געקריגן זיין צושטימונג, ווייל דאס איז געווען א גרויסע און פארצווייגטע משפחה.

מיין עלטערער ברודער יצחק איז איינמאל אהיים־געקומען און דערציילט אז ער האט געדונגען די טאקסע (די טאקסע איז ביי אונז געווען פריי און פלעג פארדינגען ווערן אין קלויז לויט דער רומענישער ארדנונג). ווען מיין פאטער האט דערהערט האט ער זיך שטארק אנגעברוגזט זאגנדיק: – "איך האב פיינט בעלי-טאקסע'ס". האט מיין ברודער זיך פארענטפערט ערקלערנדיק, אז ער האט דאס געטאן צוליב אפאר ארימע קרובים, וואס מ'וועט זיי געבן שטעלעס און טאקע דעם ריוח. אויך דאך איז מיין פאטער געווארן ווייכער ווייל מ'האט זיי סיי ווי באדארפט אויסהאלטן. די צווי יאר וואס מיין ברודער האט געהאלטן די טאקסע ד.ה. ער איז געווען דער בעל-הבית, האבן די גאנצע הכנסה באקומען די קרובים און ער האט נאך צוגעטראגן א שעהנע פאר הונדערט רובל.

איין מאל ביינאכט, האב איך פון שלאף דערהערט אן אליארם: מ'קלאפט אין דער פאדער-טיר. מיר האבן זיך שטארק

דערשראקן, ווייל ס'פלעגן פארקומען אפטע שריפות.

מיין פאטער און נאך א פאר בעלי-בתים, זענען גע-
וען די ערשטע וואס האבן פארסטראכירט די נחלאות פון פייער
און אויך איינגעטענה'ט מיטן עולם אז מ'דארף פארסטראכירן דאס
פארמעגן. ווען מ'האט צום ערשטן מאל צוגעקלאפט דאס סטראכאווקע
בלעכל אויף דער שטוב, איז דער גאנצער עולם געקומען קוקן.

ווען מ'האט געעפנט די טיר האט זיך ארייגעשטיפט
אגאנצער עולם יידן, פארסאפעט און אויפגערעגט, טראגנדיק מיט
זיך איינגעוויקלט אין א טישטיך דעם חברא-קדישא פנקס. נעמט
ר' אלתר דעם פנקס, האבן אלע געשריגן, מיר האבן צוגענומען דעם
פנקס פון גבאי פון חברא-קדישא. זייט ער האלט דעם פנקס שטארבן
צופיל מענטשן. מיר האבן אים געבראכט צו אייך און האפן אז ווען
ער וועט זיין ביי אייך וועט גאט רחמנות האבן און ס'וועט רוהיק
ווערן.

איך וועל קיינמאל ניט פארגעסן יענעם מאמענט. מיין
פאטער האט געוואלט דעם עולם בארוהיקן און האט געבעטן מ'זאל
אים צורוה לאזן און צונעמען דעם פנקס.

ס'האט אבער גארניט געהאלפן. זיי האבן זיך נאר
דאן בארוהיקט ווען ער האט מסכים געווען אז דער פנקס זאל בלײ-
בן ביי אים. גבאים פלעגן זיך בייטן, אבער דער פנקס איז גע-
ליגן די גאנצע צייט ביי מיין פאטער און ער האט אים אפגעהיט
ווי א הייליגטום און געהאלטן פארשלאסן אין זיין קאנטאר-טיש.
ניט איינמאל פלעג איך זיך צוכאפן צום פנקס און לעזן. אפשר
זייט דאן האט זיך איינגעפלאנצט אין מיר אזא גרויסע נייגונג
פון איינפירן פנקסים און אונזער ארגאניזאציע (אין עדמאנטאן).

*        *

*

דערווייל האט זיך אונטערגעריקט די צייט פון מיין
פריזיוו (איינקארפארירונג אין מיליטער) און ס'האט גארניט גע-
האלפן. איך בין געווען זעהר שטארק און מ'האט מיך צוגענומען
פאר א סאלדאט. איז דאן געבליבן אז מ'וועט זיך באמיהען מיך
ארויסנעמען פון פאלק. מ'האט געפלאנעוועט אז מ'זאל מיר שיקן



דינען קיין קעשינעוו, וואו ס'וואוינט מיין ברודער שמואל
באלצאן און וואו מיר קאנען האבן אזוי פיל פראטעקציע אין
איינפלוס.

ביים פריזיוו, וואס איז פארגעקומען ביי אונז
אין שטעדטל, סעפט 1893, האב איך ארויסגעצויגן א קליינעם
נומער און בין צוגענומען געווארן פאר א סאלדאט. מ'האט אונז
געגעבן א מאנאט פריי און מיר האבן זיך געדארפט מעלדן אין
זבארני פונקט (מעלדונגס פונקט) אין מאנאט אקטאבער פון זעלבן
יאר.

דער עולם האט ניט געגלויבט אז מ'האט מיך אפגע-
געבן; אייניקע האבן געזאגט אז מ'האט מיך אפגעגעבן נאר לפנים.
אבער ווען ס'איז געקומען די צייט בין איך אוועקגעפארן קיין
איזמאיל מיט מיין עלטערן ברודער יצחק אנגעמן מיטלען מ'זאל
מיך שיקן קיין קעשינעוו.

אין יענעם יאר האט מען געשיקט בעסאראבער נאווא-
בראנצעס (ניי-ווערבירטע) קיין קאווקאז און מיט כאבאר האט
מען מיך פארהאלטן אין קעשינעוו און ניט אוועקגעשיקט מיט א
אויסרעד אז איך בין ניט געזונט. נאך דעם וואס די טראנספארטן
זענען אוועקגעגאן האט מען מיך איבערגעשיקט קיין בינדער,
בלויז א פאר שעה רייזע פון קעשינעוו. כמעט אין דער היים.

ווען מ'האט מיך ארויסגעשיקט פון איזמאיל האט
מען מיר געגעבן עטלעכע טעג צייט, פון דאנערשטיק ביז מאנטאג.
איך האב שבת געהאלטן אין באלגראד ביי אייגענע און זונטאג
בין איך ארויסגעפארן מיט א פור קיין טראיאנאוואל צום וואג-
זאל און אנגעקומען קיין בענדער ביינאכט. נעבן סבארני-פונקט
(זאמעל-פונקט) האט א ייד געהאלטן א קרעמל. אהין האבן זיך
פארזאמלט אלע יידישע סאלדאטן. מ'האט מיך באלד אוועקגעפירט
אהין וואו חברה פלעגן עסן, פארברענגען און אויך נעכטיקן.
פאר דעם האט מען באדארפט באצאהלן דעם אונטעראפיצער. גאנץ
פרי – די חברה שטעלן זיך דאווענען מיט א מנין און איך מיט
זיי צוזאמען.

און ווי מיר שטעהן אנגעטאן אין די תפילין, קומט
ארײַן מיין ברודער שמואל פון קעשינעוו מיט נאך א יידן. איך
האב פארשטאנען אז מיין ברודער האט הנאה געטאן ווען ער האט

מיך געזעהן דאוונען. ער האט מיך פארגעשטעלט פאר דעם ייזן, -
שבתי'ל ברמן האט ער געהייסן - דעם בערדיטשעווערסא חסיד. ער
האט מיך איינגעלאדן צו זיין ביי אים אפט און ער האט מיר
דערציילט אז מ'האט מיך שוין באשטימט אין "לארגא-קאגולסקי
רעזערווני באטאליאן"- אין בענדערער קרעפּוסטי, אין דער ערשטער
ראטא; אז ס'איז אלעס אפגעפארטיקט און אז דער רוטני קאמאנדיר
קריגט מאנאטלעך אפצאל פון מיין פאטער, אז ער איז א גוטער,
נאר האט ליב אז מ'דאוונט און אז מ'איז א גוטער סאלדאט. איך
האב עס אפילו ניט באגריפן וואס פאר א שייכות האט דאס דאווע-
נען צו א סאלדאט, אבער איך האב ניט איבערגעפרייגט.

ביי-טאג בין איך שוין געווען אין קרעפאסטי, אין
דער ערשטער ראטע פון אויבנדערמאנטן באטאליאן. דער יחוס פון
באטאליאן האט געהאט א שטיקל מחותן'שאפט. דער טייך לארגא -
נעבן קאהול - איז איינגאנצן 30 ווערסט פון מיין שטעדטל לעאווא.
ביי דעם טייך האט זיך דער באטאליאן אויסגעצייכנט צוריק מיט
יארן, ווען בעסאראביע האט אמאל געהערט צו רוסלאנד אין די
צייטן פון ניקולאי דעם ערשטן, און דאנאך אריבער צו טערקיי.
און יעצט בין איך - א לעאווער - בלויז 30 ווערסט פון גליק-
ליכן טייך לארגא, מגולגל געווארן צו דינען אין דעם באטאליאן.
די דאזיקע רעדע האט פאר מיר פארגעהאלטן דער ראטני קאמאנדיר
ביים ערשטן קבלת פנים אין מיין נייער קווארטיר. ער האט מיך
געפרעגט צו איך דאוון אלע טאג, ווייל נאר גלויביגע קענען
זיין געטרייע סאלדאטן דעם פאטערלאנד, דעם צאר, און די וואס
דאוונען ניט זענען שונאים דעם צאר און הייליגן רוסלאנד. ער
אליין א שעהנער הויכר סימפאטישער מאן, ווייזט אויס ניט קיין
שונא ישראל, און אויך קיין שונא פון א פאר רובל וואס מ'האט
אים צוגעזאגט מאנאטליך. ער האט מיך באלד געפרעגט צו איך וויל
עסן פון קעסל, האב איך אים געענפערט: - "געוויס!" אם אזעלכע
סאלדאטן האב איך ליב. ס'איז א פארגעניגן צו קוקן אויף זיי,
און גיט שוין א באפעהל מ'זאל ברייננגן: ראזענבערגן, גאמבערגן
און טומארקינען. איך גיב א קוק, מ'ברייננגט אריין דריי אויס-
געדארטע יידלאך מיט בערד, קאנטיק פוילישע, - "זעהסט? -
זאגט ער צו מיר -"אט די דריי יידלאך עסן ניט פון קעסל, זיי
עסן נאר ציבאלעס מיט ברויט און דערפאר טויגן זיי ניט. זיי
זענען שלעכטע סאלדאטן."- און ווייזט מיר אן אויף אייגעם -
"דעם, - זאגט ער - האב איך מיט געוואלד געגעבן עסן, געשטיפט



איך מויל אריין קאשע ביז ער איז שיר ניט דערווארגן געווארן.
איך האב אים בעשטעלט אונטער דער ביקס און ס'האט גארניט גע-
האלפן. איך וועל זיך שוין מוזן מיט זיי אפמיטשן. ווען דו
וועסט זיין א גוטער סאלדאט. וועסטו זיין ביי מיר פריי און
וועסט קענען געהן צו בערמאנ'ן יעדן שבת עסן זשידאווסקי קוגל".
איך האב זיך שטארק ערנסט צוגעהערט צו זיין דרשה און האב אים
געזאגט אז איך וועל זיך באמיהן זיין א גוטער סאלדאט.

ביי טאג האט מען מיר אנגעטאן די בגדי מלכות און
איך בין געווארן א פארטיקער סאלדאט און ווען מר ברמן מיט
מיין ברודער זענען געקומען מיך זעהן, האבן זיי מיך ניט דער-
קענט, א גאנצער פריץ. א שעהנער שווארצער מאנדיר, א רויטער
קאלנער, דאס היטל אהן א דאשעק, א רויטע לענטע ארום מיט א
געל פאסיקל אין דער נאט מיטן נאמער 232. רויטע עפאלעטן אויך
מיט א געלן נאמער 232.

מיין ברודער און הערר בערמאן האבן מיר איבערגע-
געבן אלעס ווי מ'האט איינגעארדנט מיטן ראטני קאמאנדיר און
אויב איך וועל זיין א גוטער סאלדאט וועט מען מיך אפלאזן אויף
פסח אהיים, אבער ווען איך וועל זיין אין שטאדט מוז איך קומען
צו בערמאנען. מיין ברודער שמואל - האט מיר פארשפראכן אלע
צווי וואכן מיך קומען זעהן.

ס'איז באלד נאכטגעווארן. איך זעה מ'זעצט אויס
אלע נאוואבראנצעס וואס האבן שוין געלערנט צווי מאנאט און איך
צווישן זיי און מ'נעמט לערנען סלאוועסנאסטי (תיאוריה). איך
זיץ צווישן זיי און געניץ און כאפ אלע מאל א דרימל. דערווייל
קומט אריין דער ראטני, ער באמערקט ווי איך געניץ און זאגט
דעם אונטער-אפיצער מ'זאל מיך ניט נעמן צו סלאוועסנאסטי, מ'-
זאל מיר געבן א ביכל און איך זאל אליין אויסלערנען. איך האב
צווי מאל איבערגעליינט און געקאנט די גאנצע תורה אויסנווייניק.
אין א פאר טעג ארום קומט אריין דער פאלו-ראטנע און זעהט ווי
איך זיץ ביי דער זייט מיטן ביכל. ער פרעגט מיך צו איך קאן
שוין עפעס. ענפער איך אים אז יא. האט ער מיך גענומען אויס-
פרעגן און איך האב אויסגעהאלטן דעם עקזאמען. פאר שמחה איז
ער אוועק מעלדן דער ראטנע.

אויפן אנדערן טאג האט מען מיך ווידער פארערט.
ווייזט אויס אז מיינע ענפערן זענען זיי געפעלן ווייל ס'איז

געבליבן אז מ׳זאל מיך מאכן פאר א אוטשיטל פון די נאוואבראנצעס, איך זאל זיי לערנען שרייבן דעם נומער פון דער ביקס. איין אנהויב איז מיר דער פלאן געפעלן. איך האב אבער אינגיכן דערפילט אז איך וועל שפייען מיט בלוט נעבן די חזירים. דאך האב איך מיך צוגעוואוינט און די סאלדאטן האבן מיך אלע ליב געהאט און זיי פלעגן טאקע נעבן מיר נאשן.

איך בין געווען אין צווייטן זוואד (אפטיילונג) און מיין אונטער אפיצער איז געווען א רשע מרושע, און זיך געזוכט צו טשעפן. איין טאג מיטאג-צייט שיקט ער מיך רופן פונם בופעט און הייסט מיר אויסקערן דעם זוואד. איך האב זיך שטארק באליידיגט און געזאגט אז איך וויל ניט. דערפאר, האט ער זיך אנגערופן, - "וועסטו שבת ניט געהן אין שטאדט אריין".

שבת 10 אזייגר פלעג איך אלע מאל געהן צום ראטני ער זאל מיר געבן א בילעט אין שטאדט אריין, וועלכן ער פלעג מיר געבן ביז זאנטאג פארנאכט. דעם שבת בין איך ניט בעגאנגען צו אים. דער ראטני האט מיך ערווארטעט און אז ער האט געזעהן אז איך קום ניט, האט ער געשיקט זיין דיענטשיק מיך אויסצוגעפינען און זיך ערקינדיקן פאר וואס איך געה ניט אין שטאדט אריין. דערווייל האט איך ברמן טעלעפאנירט צום אים און געפרעגט אויף מיר. איך האב דערקלערט אז דער זוואדני לאזט מיך ניט. דאן איז דער ראטני אליין געקומען צוגעהן (ער האט געוואוינט ניט ווייט פון קרעפאסטי), ער האט מיך אויסגעפרעגט און איך האב אים דערציילט וואס ס׳איז פארגעקומען. האט ער זיך אויסגעבייזערט אויפן זוואדני, זאגנדיק צו אים: - "דו ווייסט ניט אז ער איז נא פראוואך (פריווילעגירט)?" און איך בין באלד אוועק אין שטאדט אריין.

צו באשרייבן מיין סאלדאטסקי לעבן וואלט באדארפט פארנעמען פיל פלאץ, אפשר וועל איך דאס טאן בא א ספעציעלער געלעגנהייט.

די ערשטע צייט האב איך אנגענומען אלעס פאר ליב. אבער ווען ס׳איז געקומען זומער און די צייט פון מאנעוורן, האב איך אהיים געשריבן און געפרעגט א שאלה: - פארוואס קומט מיר דינען מער ווי מיינע ברידער? די צווייטע וואך איז געקומען מיין פאטער מיט מיין ברודער שמואל און מ׳האט אנגעהויבן "ארבעטן". צו די אכט מאנאט האט מען מיך באפרייט אין דער זאפאס-



ארמיי (רעזערוו-ארמיי). כדאי צו באמערקן אז ווען מ׳האט מיך באפרייט פון דינסט פאר "שוואכקייט" האב איך געוואויגן ביי 66 ק"ג. פון דאנען איז צום פארשטעהן וואס דאס האט אפגעקאסט.

איך וויל דערביי דערמאנען דעם כלל-טוער שבתי׳ל ברמן וואס איז געווען אויסגעקאכט מיט אלע אפיצערן, דאקטוירים, און טאקע זעהר א וואוילער איד; ער האט אונז פיל מיטגעהאלפן.

* * *

איך האב זיך גענומען צום פאטערס געשעפטן און אויסהעלפן ווי ס׳פאסט פאר א בעלי-בתיש אינגל. מ׳האט מיר גערעדט שידוכים און איך האב פארגעצויגן דוקא צו איינער פון א קליין שטעדטל, האנטשעשט, ניט ווייט פון לעאווא. א חסידיש פאנאטיש שטעדטל. אבער דער מחותן איז געווען א פארמעגליכר בעל בית, א תקיף. ער האט געהאנדלט מיט וועלדער, ווייך, שאף, געהאלטן די פאטשט פון האנטשעשט קיין קעשינעב.

אייגנטליך, מיט דעם מיידל האב איך זיך געקאנט פון לאנג. איך האב זיך מיט איר באקאנט אין קעשינעב, וואו איך פלעג פארברענגען די ווינטער-מאנאטן. מ׳האט נאר באדארפט א שדכן דורכצופירן דעם שידוך. זי איז טאקע געווארן מיין פרוי און יעצט איז שוין 34 יאר נאך אונזער חתונה.

אין דעם קליינעם שטעדטל, ווען ס׳פלעג אריינקומען א לעאוועער בהור׳ל, האט מען געקוקט אויף אים ווי אויף אן אפיקורס. אבער דא איז מיר בייגעשטאנען דער זכות וואס מ׳האט גוט געקאנט מיין פאטער און די רייכערע בעלי-בתים און די כלי-קודש האב מיך אויך גוט געקאנט. זיי פלעגן אפט קומען צו אונז נאך געלט.

ווען איך בין געגאנגען מיט מיין מחותן אין שול אריין האב איך מנדר געווען פארן קרן קיימת און דאס איז דאן געווען טרף. און ווייל איך האב אויך מנדר געווען אויף דער ת"ת און כלי-קודש האט מען מיר מוחל געווען דעם חטא.

* * *

פאר מיין חתונה איז מיין פאטער געשטארבן. די חתונה איז אפגעלעגט געווארן ביז שבת נחמו. איך האב איבערגענומען מיין פאטערס געשעפט און געפירט דאס זעלבע הויז גלייך ווי ביי זיין לעבן. די זעלבע אורחים שבת און יום-טוב. די זעלבע מנהגים אלעס ווי געווען. מיין מוטער האט מער אכטיג געגעבן און מיר געהאלפן ווייל די גויים האבן זי זעהר געשעצט און רעספעקטירט. דאס הויז איז פארבליבן באלצאנס-הויז ווי געווען. די אנדערע קינדער האבן אליין געהאט געגוג און אזוי האט זיך געפירט יארן לאנג.

ביז ס'איז אונטערגעקומען דער רוסיש-יאפאנישער קריג 1904 - 1902, און האט געמאכט איין איבערקערעניש אין לעבן און מיך אויסגעריסן פון דער נעסט און פארפירט קיין קאנאדע.

אויף מיינע געשעפטן האבן מיינע ברידער אכטונג געגעבן און מ'פלעג מיר איבערשיקן סומעס געלט. דאס הויז איז געבליבן שטעהן עד היום אונטער דעם נאמען באלצאן און ס'וועט אזוי איבערגעהן צו אייניקלאך. *)

די פארזעצונג פון מיין לעבן ווערט ארומגערעדט באריכות אין די זכרונות פון מיין פארמעריש לעבן אין קאנאדע, וועלכע זענען געדרוקט געווארן אין "דאס אידישע ווארט".

* * *

*) אים יאר 1941 איז די שטוב רואינירט געווארן צוזאמען מיט דער גאנצער אידישע באפעלקערונג פון שטעדטל . פ.ב.

## נאמען אינדקס


| | | עמ' |
|---|---|---|
| .1 | באלצאן חיים יהודה (אלחר) | 15 - 11 - 8 - 2 |
| .2 | " משה | 16 - 3 |
| .3 | " שמואל | 34 - 33 - 31 - 14 |
| .4 | " יצחק | 19 |
| .5 | " רהל-לאה | 19 |
| .6 | באנדאר אהרן יוסף | 22 |
| .7 | בוכמן ישראל | 15 - 14 |
| .8 | בוהושער רבי - איצעלע | 22 - 20 |
| .9 | בערמאן שבתי'ל | 35 - 34 - 33 - 32 |
| .10 | גאמבערג | 32 |
| .11 | דודל סופר | 16 |
| .12 | סומארקין | 32 |
| .13 | מאסליאנסקי | 26 |
| .14 | מיטשניק אליעזר אריה | 10 - 6 |
| .15 | סטוליצ'יף | 14 |
| .16 | פרוכטמאן שייקע | 23' |
| .17 | ר' בערעניו | 16 |
| .18 | רוזנברג | 32 |
| .19 | שטיינברג יהודה | 28 - 26 - 25 |
| .20 | שפינדאל מרדכי | 26 |
| .21 | שפיר לייב. | 25 |

## די פאמיליע פון פעטער זיידל קאזאק אורבוך
## <u>1918</u>

**לעצטע איינוואוינער פון דער שטוב.**



### <u>ת כ ל י ת</u>

פון רעכטס צו לינקס: –

1. פערעלע –אומגעקומען צוזאמען מיט איר מאן גרישא און קינד לוני אין גיטו קישינוב 1941.
2. אליעזר – ד"ר אליעזר קאזאק–אורבוך ערמארדעט אין יאסי 29.6.41.
3. מומע איטא – אומגעקומען אין גיטו.
4. דוד. אינז׳ינר דוד אור – דער איינציקער פון דער גאנצער פאמיליע וואס לעבט מיט אונז דא, אין ארץ. [illegible] 14.7.65 [illegible]
5. פעטער זיידל – געשטארבן פון א הארץ אטאק אין יאר 1918.
6. מרדכי – אומגעקומען צוזאמען מיט זיין פרוי רוזה ערגעץ – וואו אין א לאגער 1941.